# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 8 (העפט 115) צענטער יארגאנג אויגוסט 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

1. די אַלט־שטאָט ירושלים — די עיר־העתיקה.
2. תיק״ו — תשבי יתרץ קושיות ואבעיות,
3. דאָס געוויין פון דער מאמע רחל.......................... ** 1
אלט־ירושלים (דערציילונג) ........................ פ. פלאי 6
אין די קרומע שפיגלען פון מענטשנס אויגן, מיט צוויי זעק צירונג, אַ לויב
געזאנג צו חוה׳ן (לידער)...................... משה עובד 16
טונקלע טעג (דערציילונג) ........................ א. מ. פוקס 18
דריי בודאַפּעסטער יידן (עסיי).................... יוסף פרענקעל 23
אין ערשטן היי־שניט. עלזע לאסקער שילער (לידער).... א. נ. שטענצל 26
דער „קאָמפּראָמיס“ (עסיי).......................... לעאָ קעניג 30
צוויי לידער, ........................... יורי סוויעטאגאר 32
די וויכטיקייט פון אינפארמאציע ...................... נחום שטענצל 34
ביכער אויפן טיש (ביבליאָגראַפיע)................... אליהו פאלושאק 36
„יידן אָן געלע לאַטעס“ (רעצענזיע)................... י. ה. לעווי 39
העברעאישער דיכטער דיכטער אין ישראל שטאַרבט אין סאַמע מיטן בלי פון זיין
דיכטערישן שאַפן........................ אפרים טויבענהויז 42
יוסף שערמאן ע״ה.......................... א. מייזעלס 43
צוויי געטרייע חברים (נעקראלאג).................... א. פל. 46
דער פּאָעט דוד פראם אין לאָנדאָן.................... א. י. ליסקי 47
דער פּאָעט שלום שטערן פון מאָנטרעאל.......................... 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס.................. 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אַבאָנעמענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאָר
אין אויסלאנד:—5 דאָלאר א יאָר
1/9 פאר א פראָבע נומער

אדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**S. LONDON**
**LTD.**

***FURRIERS***

**ESLOND HOUSE**
**185/6 SLOANE STREET, LONDON, S.W.I.**

TELEPHONE: SLOANE 0793-4-5
TELEGRAMS: LONFURDON, KNIGHTS: LONDON.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## לשנה-טובה-באגריסונגען פארן סעפטעמבער נומער

שיקט צו אייערע לשנה־טובה־באגריסונגען פארן קומענדיק נומער „לשון און לעבן“. איר קאנט שוין האבן א באגריסונג פון 10 שילינג אן, אבער — כל המרבה הרי זה משובח! מיר זיינען ממש אנגעוויזן אויף יעדן שילינג. מיט יעדער אויסגאבע קריכן מיר אלץ אריין אין גרעסערע חובות, און יעדע קליינ־סטע סומע איז וויכטיק פארן ווייטערן עקסיסטענץ פונם זשורנאל, ווארים יעדער חודש איז א גערανגעל פונם יאָ דערשיינען אדער נישט דערשיינען.

## צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט

כדי ווייטער צו קענען אָנהאַלטן דעם געהעריקן סטאַנדאַרד בעטן מיר אונדזערע אַבאָנענטן אָן אויפפאָדערונג און מאָנונג צוצושיקן תיכף ומיד דעם סכום, וואָס זיי זיינען שולדיק, און ווער ס'איז בכח פאַר אַ יאָר אין פאָראויס.

מיר בעטן די אַבאָנענטן און די לייענער פון „לשון און לעבן“ צו פילן אַ חוב צו שאַפן פרישע לייענער און אַבאָנענטן פאַר אונזער פעריאָדישע אויסגאַבע.

די דאָזיקע באַשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפן צו דערהאַלטן און צו פאַרגרעסערן די אויפלאַגע און אַזוי אַרום אויך פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט דאָ אין לאַנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטס־לעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין בייהילפיק מיט געשעפטס־אַנאָנסן. אויך דאָס קען זיין אַ בוישטיין צו אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

די חשובע חברים, לייענער און אַבאָנענטן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַר־אינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן“. העלפן פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל!

און אויב מ'שיקט איך צו נאָך דריי חדשים דעם מאָנבריוו, שיקט תיכף צו פאַרן גאַנצן יאָר פאָראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.

עס ווענדט זיך אין די לייענער און אַבאָנענטן, אַז אונזער זשורנאַל זאָל ווערן נאָך בעסער, רייכער אין אינהאַלט, אדער מיר וועלן זיין געצוווּנגען אים ארויסצוגעבן אין א דינערן פארמאט.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אַדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

**וויכטיק, וויכטיק — זייער וויכטיק!!**

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 8 (העפט 115) צענטער יארגאנג אויגוסט 1949 לאָנדאָן

## די אלט שטאט ירושלים — די עיר־העתיקה

ווען מיר זיינען געגאַנגען אין גלות אריין, האבן מיר מיטגענומען מיט אונז דאס בילד פון ירושלים; תמיד האט עס געשוועבט פאר אונזערע אויגן ווי א תפילה; איבער אונזערע פינסטערע נע־ונד־קעפ האט עס געהאנגען אן אנגע־צונדענער נר־תמיד; און אומעטום, ווו מיר האבן אונזערע מידע קעפ אנידערגע־לייגט — איז געווען ירושלים. וואָרים אויב דאס בית־המדרש, די שול איז געווען א מקדש מעט, איז יעדעס יידישע שטעטל געווען ירושלים של מטה. יאָ, ס'איז יעדער אָרעמער טיש געווען א מזבח, — דער שלחן מיטן לחםהפנים! — ווייל יעדע מזרח־וואַנט פון אַ יידישער שטוב איז געווען א חלק פון דער כותל־מערבי. פונם ארץ־ישראל־ערד, וואָס מיר האבן געטראגן אין אונזערע וואנדער־זעק, פארן לעצטנס צוקאָפּנס, האבן מיר געבויט אונזער גאנץ לעבן, אונזערע ירושלימס.

און איז אַ שטעטל חרוב געוואָרן, האבן מיר עס דען נישט באַוויינט, פונקט ווי ירושלים? וואָרים פונקט ווי דער גרונד־ריס, דער פּלאַן פאר אונזערע שטעט און שטעטלעך, איז שוין געצייכנט אין אונזערע נביאים־הראשונים, זיינען די קלאָג־לידער איבער זיי שוין געשריבן אין די נביאים אחרונים.

די שטאט ביתר, די וואונדערלעכסטע פון די שטעט, איז זי נישט לעגענדא־ריש געמאלן געוואָרן ווי דאס בית מקדש פון הורדוסן? און ווערט זי נישט באוויינט פון אונז אין תשעה באב צוזאם מיט דער שטאט ירושלים?

און סוריה און פומבדותא, און גראנאדא און קארדאווא קלינגען זיי דען נישט, אין אונזערע אויערן, מיטן אנטיקן גאלד־עכא פון דער אלט־שטאט פון ירושלים? און די שטעט מיינץ און שפייער, און ווארמייזע באוויינען מיר זיי דען נישט אין אונזערע קינות צוזאם מיט דער שטאט ירושלים?

און כמעלניצקי ימח־שמו איז געשטאנען פאר די טויערן פון די פעסטונגען טולטשין ווי נבוזרדן פאר די טויערן פון ירושלים! און אצינד, אונזערע פארטיליקט געוואָרענע שטעט און שטעטלעך — סאיז דאך חורבן ירושלים! און עס וועט דאך דער וואַרשעווער געטא־אויפשטאנד בלייבן דער בר־כוכבא אויפשטאנד אין אונזער גלאריעדיקע נע־ונד־געשיכטע אין אייראפּע. וואָרים ווער ווייסט, אויב אין טויזנטער יארן ארום, אז מ'וועט אנווייזן אויף דער כותל־מערבי וועט מען דעמעלט נישט זאגן: זעט דאס איז א שטיקל אי־בערבלייבעכץ פון אונזערע געטא־מויערן — — אזוי וואַנדלט זיך אין וואַנדער פון געשיכטע געאייביקטע לעגענדע...

ווארים אצינד, אז מיר קערן צוריק קיין ארץ־ישראל, טראגט דאך יעדער איינער אין זיין וואַנדער־זאק א שטיקל פון זיין שטעטל, דאס של מעלה פון זיין שטעטל,דאס ירושלימדיקע וואָס מען האט דארט אהין אמאל מיטגעברענגט. און אַזוי קומענדיק צוריק אצינד אין ישראל, מיט אלע אונזערע שטעטלעך וועט נתמלאה ווערן די נביאה פון ירושלים הבנויה: „עיר שחיברה לה יחדיו״.

נישט נאר האט זיך דאס פנים פון אונזער פאלק אפגעראטעוועט אין גלות, נאר דאס אויסזען פון די שטאט ירושלים — איר אנזען ביי דער וועלט!

דאס מתקן זיין פון „שבירת הכלים״, דער מאזאאיק־צוזאמענשטעל פון אונזערע צעבראכענע שטעט און שטעטלעך, וועט זיין דער אנטיקן־אָנבליק פון דער עיר־העתיקה, פון דער גאט־רעזידענץ—ירושלים!

אפשר פאר „רעאל״־פאליטיקער, פאר ככל־הגויים משכילים, אַנטלאפענע פון די יידישע שטעטלעך, איז די אלט־שטאט א סטראטעגישער פונקט צו זי־כערן קבוצים און קבוצות, אבער פאר די תפוצות־ישראל איז ירושלים די נביאה „זאב וטלה ירעו כאחד״. יאָ, אז די נביאה זאל מקוים ווערן האבן חלוצים געהאט איבער מענטשלעכע כוחות, וויסטע זומפן אין גן־עדן פעלדער צו פאר־וואַנדלען, און די וואונדערלעכע ישראל־העלדן — די נסים צו באַווייזן.

אָן ירושלים וועט מדינת־ישראל זיין פאראורטיילט, צו בלייבן, חלילה א נייטיוו־קאָלאָניע, ווען אפילוביים צעשפרייטן יידישן פאלק איבער דער גאַנצע וועלט... וואָרים מיליאָנען־כנסת־בודזשעטס״ פון געזאַמלטע „אַפילס״ זיינען פונקט אַזוי אָפהענגיק און נסימדיק אָפהענטיק, ווי מאה־שערים־כוללות, פון „רבי מאיר בעל־נס״.....

ווי פון קאָרטן־שפיל דער „מלך אָן לאנד״ איז א געוווּנענע מלוכה אָן פאָלקס־טימלעכקייט, און אונזער געשיכטע הויבט זיך דאך אָן אזוי יידישלעך פאלקסטימלעך: „ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין, והוא כהן לאל עליון״.

* * * * *

יאָ, עס איז גאר ניט קיין צופאל, וואס ביים אויפגעבן די פאָזיציעס אין דער אלט־שטאט אין ירושלים, בשעתן זיך אונטערגעבן האבן די קעמפער פון דער עיר העתיקה געזונגען „דאס פארטיזאנער ליד״? אזויפיל שומר־און חלוצים־לידער, גדוד־און חיל־מארשן און דווקא דאס פארטיזאן־ליד! דאס פארטיזאנער ליד פונם קעמפנדיקן יידישן שטעטל, פונם פארטיזאן פון ירושלים־דליטא, ווייל אָן ירושלים נישט דא קיין ארץ ישראל; פונקט ווי עס נישט קיין צופאל, וואָס די פארוווּנדיקטע קעמפערין אסתר שטארבנדיק פון אירע ווונדן אין דער נאכט פון דער קאפּוטילאציע פון אלט־ירושלים האט זי געבעטן ביי א חברטע, א סידור, אז מען זאל מיט איר דאווענען מנחה?

זינגט נישט דאס יידישלעכע פאלקס־ליד ,ווען א ייד פארט נאך ארץ ישראל״:

„גאָט, גאט, גרויסער גאט,
לאמיר דאווענען מנחה״ — — —



# תיק״ו – תשבי יתרץ קושיות ואבעיות

נאָך וואָס טאַקע אייגנטלעך אליהו נאָך נויטיק,
אַז די שווערסטע קשיות זיינען פאַרענטפערט געוואָרן:
דער מהרש״ל, דער מהרש״א, א דריי מיטן גראבן פינגער,
מיט שווערסטן תוספותל אויף גלאטן שליאך געפארן.

מיט „לייבן״ נאַשפּיץ־געשפּאַנט, מיט פליענדיקע „אדלער״,
האט מען דאך אריבערגעפּאַטשט דורך די טיפסטע בלאטעס;
און אז רש״י הקדוש באווארנט האט שוין אלצדינג
איז ים־התלמוד־זעגלען — צעריסענע קאַפּאָטעס.

אָבער וועלכער חריף, וועלכער בקי קאן ענטפערן,
אונזער הארבע אבעיה, די ביטערע אצינדער?
וועלכער שאַרפער מוח קאן אַ תירוץ נאָך געפינען,
פאר אפגעהאקטע קעפלעך פון אומשולדיקע קינדער?

אָ, וועלכער שווימער, — דער גרעסטער לויתן אפילו! —
איז ווען אזא ים, אַ בלוטיקן, אדורכגעשוווּמען?
די קשיא טאקע, די הארבע אבעיה ענטפערן
האט אליהו הנביא געמוזט שוין אָנקומען —

נישט מיט שפּיציקן פלפול א האר מיט אים צו שפאלטן,
און מיט אן איפכא מסתברא אריינגעפאלן אינמיטן —
דורך דעם אומענדלעכן ים, דעם בלוטיק־געגליווערטן,
מיט זיין צוויי שניידיק שווערד האט ער זיך אדורכגעשניטן — —

און שטאל און פעסט זיין תשבי־תשובה אויף איר געטראגן,
די הארבסטע אבעיה שוין אין קארב אריין צו טרעפן:
דעם סתם מקשן, דעם נארישן איינגעשפאַרטן עקשן
נישט שווערע סוגיאות — דעם פארשטאפטן מוח אים עפן!

דער וד״ל, ודו״ק איז דאך תמיד פאר אזא נאר גוט,
אויף קאפ זיך צו שטעלן און דורך די וואנט מיט אים צו קריכן;
איינציקער תירוץ איצט, אונזער תיק״ו צו ענטפערן,
די הימלען צ שפאלטן און אקייגנגיין משיחן — — —

און טאַקע תיכף־מיד, ווארום אן עוקר־הרים
קאן, צומאל אצינדער, ווייזן ווינדער איבער ווינדער;
א מאור הגולה, אין פלוג, א תירוץ נאך געפינען,
פאר אפגעהאקטע קעפלעך פון אומשולדיקע קינדער — —

און קינציק אוועקפּאַטשן איבער בלוטיקע בלאַטעס,
מיט פליענדיקע אדלערס, פלינק־לויפנדיקע לייבן,
ביז חלילה פונם עם חכם ונבון, נעבעך,
ס׳וועט שוין קיין שריד ופליט נישט מער איבערבלייבן.

## דאס געוויין פון דער מאמע רחל

פאר די ביישטידלעך פון מאמע רחלס קבר,
שטייען אראבער מיט באוואָפנטע ביקסן,
פון צווישן די שטיינער פון כותל־מערבי,
גריזשען שאקאלן גרוי־מאכיקע געוויקסן.

איבער ירושלימס ליכטיקע הימלען,
הענגט גאַנצע טעג אזא פארביסענער טרויער;
אין א מערה באהאלטן זיצט א בעל־מקובל,
טיף געבויגן איבער א צעקנייטשטן זוהר.

נאר נאך האלבער נאכט, געהילט אין שוואַרצן שלייער,
קומט די מאמע רחל צום כותל אריבער,
זיך צו צוהערן צום תיקון חצות אפריכטן,
פון די עשרה הרוגי מלכות בציבור.

ווי הכנעהדיק זיי טון די טליתים אן,
ווי שטיל זיי זעצן זיך אויף דער ערד אנידער,
און ווי ענוותדיק ס׳נעמט יעדער ארויסעט,
פון טלית־זאק זיין טרערן צעווייקטן סידור:

אנטקייגן אזא שטיל־פארביסענעם טרויער
ווער זענען זיי מיט אלע זייערע פיינען — —
פון זייער תפילה קודם התפילה קרעכצן
ווערט די נאכט צעריסן פון שלאכצן געוויינען:

„פון די תליות אראפ זענען זיי געקומען,
פון אונטער די אייזערנע קאמען אַפויער,
אָבער וואס זיינען די ביטערסטע יסורים,
אַנטקייגן אזא איינגעהאלטענעם טרויער?

„ווער זענען זיי? עשרה הרוגי מלכות,
צען אויף קדוש־השם געקוילעטע יידן,
און דא פליטים פון מיליאנען פארקוילטע — — —“
אין זייערע גליאיקע בליקן די טרערן זידן.



„הבט מין השמים — —“ שמשון הגיבור,
בר כוכבא וואָלט דאס־א נישט אויסהאלטן קענען,
ווי פאר געטא־ווע׳ט, שטיין פאר ירושלימס — — —“
אין גלי פון אייגענע בליקן זיי פארברענען.

בלייך־דערשראקן, אירע ליפן קוים צעשאקלט,
שטייט מאמע רחל קיין ווארט נישט צוזאגן,
נאר ווען זיי נעמען ס׳אש אויף די קעפ זיך שיטן,
רייסט זיך ארויס איר קול־ברמהדיק קלאגן:

„פאר מיין קבר זענען זיי פארבייגעגאנגען,
מיינע קינדער, ווען נבזרדן זיי געטריבן!
און אצינד, ווען פון גלות זיי קערן צוריק
די איינציקע מיינע וואָס איבערגעבליבן — — —

„ואני — און איך מיט מיין פארשטאנד האב געמיינט,
דערפאר מיין קבר זיי האבן אויסגעמיטן,
מיין שוואַך־צעבראכן הארץ זאל זיך נישט אָנהערן,
וואָס אין ווייטן גלות זיי האבן געליטן;

„אבער אז דא, אז אקער־ווייט פון מיין קבר,
אזויפיל מיינע קינדער שטיל טון איצט ליידן!
אפשר, געלאזט מיך אויף אפרת־וועג אינמיטן,
מיין געבעט פאר מיינע קינדער אויסצומיידן?

„גאָט, שרעקלעך אויפשוידערן וועסט דו אויף דיין טרוין,
ווען מיין ביטער הארץ וועט נעמען פאר דיר ריידן — — — — — — — —“
און פון איר געשריי ס׳נעמט דער הימל בלוטיקן —
נישט ווי אַ קול — אַ מעסער וואָלט געטון אים שניידן —

איבערגעריסן ווערט איר געוויין אינמיטן,
איר קול־ברמה־געשריי פארביסן־פארשוויגן,
ווען מיט זון־אופיגיי פון איבער דער מערב־וואַנט,
ציט שטיל דער „ושבו בנים לגבולם“־ניגון — —

פון די טרערן פון דעם מאמע רחל־געווין
אין אראבישע הענט זשאווערן די שווערטן
אין כותל־מערבי שפאלטן די שאקאלן,
ווערן שטיל פון דעם ניגון, דעם שטיל־דערהערטן.

נאָר אין מערה באהאלט דער בעל־מקובל,
איבערן צעקנייטשטן זוהר טיף געבויגן,
וועט נישט פארגעסן דאס פארשוויגענע געוויין,
וואָס ער האט דערזען אין מאמע רחלס אויגן.

פּ. פלאי

# אלט-ירושלים

## 1

אין דער נאכט פאר ערב פסח האט עוזר אָנגעצונדן אַ ליכטל, כדי בודק־
חמץ צו זיין אין זיין שיין. די האנט האָט געציטערט, בשעתן אָנצינדן, כאָטש
ס׳איז נישט דער דרך פון זיין האנט צו ציטערן. צוויי שוועבעלעך האָט ער אָנ־
געצונדן און איינס נאָכן צווייטן האָט זיך אויסגעלאָשן. וואָס איז געשען מיט
אים?

זיין פלונית האָט צוגעגרייט רעפטלעך ברויט, איינגעפּאקטע אין פּאפּיר
און זי האט זיי אוועקגעלייגט אונטער דעם האנטוך וואָס איז געווען אויסגע־
שפּרייט איבערן אונטערשטידל פונם פענצטער, אינם פענצטער־ווינקל און
אינעם ווינקל פון דער וואנט. האָט זיי עוזר געפונען אויפן פלאַץ, זיי אריינגע־
שארט אין אַ האָלצלעפל וואָס אין זיין האנט און ווידער האָט זיין האנט געצי־
טערט. די לעצטע חמץ־רעפטלעך... און ס׳איז געקומען די צייט צו נעמען
מצות אין שטוב אריין.

פלאַשן אויף וויין, בייכיקע און מיט לאַנגע העלדזער; אַ געפלאָכטענער
קויש אויף אריינצוגעבן אין אים קארטאָפל און אַן ערדן טעפּל פאר אומגע־
קאָכטע אייער און נאָך אַ קופערנער געפעס פאר רויטע בוריקעס, האָבן ארויס־
געשטראָמט אַ געשמאַקן ריח פון פסחדיקע מאכלים, — אַ ריח וואָס איז אַריין
אין אלע גלידער.

— רבונו של עולם — האָט ער געקרעכצט און דערפילט אַז ס׳ווערט אים
פון דעם קרעכץ גרינגער אויפן הארצן. ער האָט אויסגעשפּרייט אינעם חלל
פון דער וועלט זיינע צוויי הענט און ער האָט אין די לופט אריינגערופן א
פּיעשטשענדיקן און איבערבעטנדיקן קול:

— שיינדל דו ביסט דאָ?

האָט זיך שיינדל צוגעאיילט פון דער קעך און נאָך זענען אירע אויגן יעצ־
ווען פייכט פון פארבאַהאלטענע אָפּגעווישטע טרערן, און שוין לאָזט זי יעצ־
שפּילן אויף איר בלאס פּנים אַ שמייכל פון פארגעבונג.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, שיינדל? וואָס זאָל איך דיר זאָגן, וואָס זאָל
איך ריידן? אָט איז דער טאָג קורץ און די ארבעט איז אַ פולע, ווי דער פּרק
זאָגט. און דאָ שטייט שוין דער פסח פאר דער טיר. און ווי־זשע זאָגסטו? מיר
האבן זיך צענויפגענומען הוליע־קבצן. און יי״ש און וויין און געלט איז נישט
פאראַן. האָסטו געהערט שיינדל? אָט איז לכבוד פסח געקומען אַ גאנצע קאָמ־
פּאַניע יידן פון גאנצן לאנד און זיי שטייען איין ביי שולמאנען. אפשר איז כדאי
זיך צו נעמען פאר מיין אלטער מלאכה און פארדינען עפּעס אלס וועגווייזער
צו די יידן. געדענקסטו יענע צייט ווען עוזר שמש פלעגט פירן יידן איבער
ירושלים? געדענקסטו שיינדל? איז, ווי זשע זאָגסטו? חדש ימינו כקדם. לאָ־
מיך זיך נעמען טאקע און פּרובירן. איז, ווי־זשע זאָגסטו: אפילו אַ שארפע



שווערד ליגט עמעצן אויפן האַלדז, טאָ ווערט מען נישט אָרימער פון קליינע
רווחים. און בכלל: פון וואָס גאָר האָב איך נאָך אָרימער צו ווערן?

ער האָט געפלוידערט מיט אַ געמאכטער לוסטיקייט און ער האָט נישט
אויפגעהערט ביז שיינדל האָט נישט קעגן אים געטענעט און געזאָגט:

— עוזר, דיין פרנסה טוסטו באגראָבן! דאָס שטיקל ברויט פון דיינע קינ־
דער ריזיקירסטו! גיי נישט ווייטער אין דיין אלטן דרך... דו ביסט א טאטע צו
קינדער. די גבאים וועלן דיר אָנזאגן. האסט דאך א בפירושדיקן קנין אויסגע־
מאכט, אז דו וועסט נישט ארומפירן טוריסטן.

האָט עוזר אָנגעטון זיין קאַפּעלאטש אויפן קאָפּ, אָנגעטון זיין קאפּטן, אָפּ־
געבארשט אים פון שטויב, בעת זיין ווייבס קול ווערט שטילער. וואָרעם זי
האָט שוין געזען אַ פעסטן באשלוס ביי אים און זי האָט זיך מתיאש געווען
אים אָפּצוהאלטן אין זיין וועג. וואָס זאָל זי טאָן אַז אַ משונהדיקע תאוה ברענט
דעם־אָ אין קאָפּ. אַ תאוה ארומצופירן עולה־רגלס וואָס קומען זיך צונויף פון
אלע קאנטן לאנד אין די עיר הקודש כדי ארומצושפּאנען איבער איר. ער האָט
א תאוה זיי ארומצופירן אין פלעצער ווו די שטאט שארצט דארט אויף איר
שאנקייט, צו ווייזן זיי די שיינקייט פון דער שטאט און דערציילן פון איר כבוד.

אז שיינדל האָט געטאָן דעם שידוך מיט עוזרן זענען אריין שכנים צו איר
טאטע־מאמע און אויסגערעדט אויפן חתן: ער האָט זיך אריינגעקלאפּט אין
קאָפּ אריין צו ווערן א מורה־דרך צו עולה־רגל לייט, ארומצוגיין מיט פּוסט־
און פּאסטניקעס. און ס׳קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין אז ער זאָל נישט לערנען
פון זייערע שלעכטע מידות, בטלען זיין צייט מיט דברים בטלים. און פון וואַ־
נעט וועט ער נעמען פרנסה פאר ווייב און קינדער? האָט שיינדל געהערט די
רכילותן, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זי האָט זיך דערמאָנט אין איר מאמען
זאָל זיין אָפּגעשיידט, וואָס פלעגט מיט אַ ביטער הארץ אויסגיסן טרערן אויפן
גורל וואָס איז איר, שיינדלען, אויסגעפאלן, חתונה צו האָבן מיט עוזרן, ביז
דער חתן אליין איז געקומען צו איר און ער האָט זי איבערגערעדט מיט זיינע
רייד און איר אויפגעוויזן די חשיבות פון זיין טאָן וואָס איז אויסן צו ניוועץ
מאכן די בבא־מעשיות וואָס די ישמעלישע, גרעקישע און ארמענישע וועג־
פירערס טראכטן אויס, כדי צו פארשווארצן דאָס נאָמען פון ירושלים צווישן
די מנדבים. און ער האָט פאר איר אויסגעמאָלט די הערלעכקייט פון יענע
מקומות וואָס אויך זי וועט ער מיט זיך פירן צו זיי. ער האָט איר אויסגע־
מאָלט די הערלעכקייט פונדער צדקיהו־הייל ביזקל דער אבן שתיה וואָס טריפט
מיט בלוט און די אונטערערדישע היילן וואָס לעם דעם בית המקדש און ביז
דעם טורעם וואָס קוקט אויף די גאנצע שטאָט. און ערשט דער ים המלח און
יריחו און מירון. אויך דאָרטן אהין וועט ער זי מיט זיך נעמען. היות אלע די
מרחקים זענען אויסגעשפּרייט געוואָרן פאר שיינדלען, איז זי באצויבערט גע־
וואָרן פון עוזרס רייד און זי האט איינגעוואָליקט צו אים און זי האט אים האלט
געקראָגן און אפילו זיך געפילט דערהויבן איבער אירע חברטעס.

אין דעם יאָר וואָס זיי האָבן חתונה געהאט, האָבן די אראבער גענומען

ווילדעווען, פאַרגיסן בלוט אין ירושלים. די טוריסטן האָבן אויפגעהערט אהינצוקומען און עוזרס פרנסה האָט זיך אויסגעלאָזט — אַ פרנסה פון די טוריסטן וואָס פלעגן אים געבן שכר עבודה און שכר טרחה.

גרויס איז דער הונגער וואָס צעבּרעכט דעם רצון פון אַ מענטשן. בפרט אַז עוזר, (וואָס זיין שווער און שוויגער — שיינדלס שטיפמוטער) — האָבן קודם געקוקט אויף זיין פרנסה און אויף אים אַרויפגעצוווּנגען זייער ווילן אָפּצולאָזן פון אַזאַ אַרבעט. וואָרעם ביי יידן איז זי אַ לופט־פּרנסה, אָפּהענגיק פון טוריסטן וואָס איינמאָל קומען זיי און איינמאָל נישט, וואָס טיילמאָל זיצן זיי אין זייערע האָטעלן און טיילמאָל גייען זיי מיט זייערע קרובים און באַקאַנטע איבער דער שטאָט. אַמאָל נעמען די לייט גאָר פרעמדע פירערס און אַמאָל צאָלן זיי אַ פּאָר נעבעכדיקע פּרוטות.

עוזרס שווער האָט באַלאַנגט צו די באַליבטסטע אין דער אַלטשטאָט. סאַראַ זכות איז אים בייגעשטאַנען צו זיי צו באַלאַנגען? מען קאָן נישט זאָגן, אַז תורה האָט ער אַ סך פאַרמאָגט און מען קאָן נישט זאָגן אַז ער איז געווען פול מיט אַלע דקדוקים פון יראת שמים. אויך אַן עושר איז ער נישט געווען און ער האָט דאָך געגאָלטן אַלס איינער פון די באַליבטע אין דער אַלטשטאָט אין זכות פון אַלע די דריי זאַכן צוזאַמען, וואָס עפּעס איז געווען אין אים פון אַלצדינג און ער האָט פאַרשטאַנען צוצוגעבן זיך חשיבות. ער פלעגט גיין אָנגעטאָן אין שיינע בגדים און ער פלעגט נישט אַרויס פון זיין טיר — וווהין ער זאָל נישט גיין — אַז ער זאָל נישט מיטנעמען מיט זיך זיין שטעקן. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ קאַסירער אין אַ פּאָר כוללים. געווען איז ער אַ גבאי פון אַ פּאָר צדקה־חברות און ער איז געווען אַ געהיימער חבר פון איינער אַן אומלעגאַלער געזעלשאַפט וואָס דער רוב פון איר מיטגלידער איז געשטאַנען בראש פון די אָרטיקע אינסטיטוציעס און די געזעלשאַפט האָט אַרויפגעלייגט אומגעשטערט אויף דער שטאָט איר ווילן, וואָרעם אַלע שליסלען זענען געווען אין איר האַנט.

אַדאַנק דעם דיקטאַט פון יענער חברה איז ר׳ יהושע שולמאַן, דער באַלעבאָס פון אַ האָטעל, באַשטימט געוואָרן פאַר אַ גבאי פון דער גרויסער שול און אין זכות פון זיין שווער איז עוזר אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ שמש טאַקע אין דער־אָ שול. און זיי האָבן זיך אויסבאַדונגען בפירוש מיט עוזרן, אַז ער זאָל זיך נישט אַרומשלעפּן מיט די טוריסטן, בכדי דער נאָמען פונעם בית הכנסת זאָל נישט באַשמוצט ווערן צוליב דעם שמש זיינעם.

קוקט אויף זיך עוזר און זיין אַרבעט ווי אַ געפאַנגענער. די שטאָט איז פול מיט טוריסטן און עולי־רגלניקעס און אַז ער גייט אַראָפּ צום כותל מערבי און ער טרעפט אַ חבורתא פון טוריסטן און אַ ישמעלישער וועג־פירער שטייט פאַר זיי און דערקלערט זיי וואָס זיי זען פאַר די אויגן און ער שיט אַגב אורחה פעך און שוועבל אויף יידן און ציונים וואָס זענען געקומען אין לאַנד אַריין אויסנוצן און פאַרטרייבן ס׳ריטערלעכע פאָלק — ווערט זיין האַרץ מלא חימה און ער צערנט אויף זיין שווער און שוויגער און אויף זיין ווייב און אויף גאָר



די וועלט. אָבער קוים געקומען אין שטוב אַריין אויסצולאָזן זיין כעס — קומען אים אַנטקעגן זיינע צוויי קינדער מיט אַ קונדייסישן פייפן פון יינגשאַפט און זיין שוויגער טרגט זיך אָפּ. איז וואָס זאָל ער טאָן?

ער שפּאַנט זיך ווידער איין אין זיין יאָך, פון וועלכן ער האָט זיך כלומרשט געפילט, אַז ער מוז זיך פון אים באַפרייען.

— עוזר שמש... שמש, לייג אויפן טיש די האַנטוכער! שמש, פּוץ אויס די כלי־קודש! צינד אָן דאָס חנוכה ליכט! שמש! שמש!... און עוזר טוט אַלץ וואָס מען הייסט אים טאָן, וואָרעם גרויס איז דער צוואַנג פונעם פרנסה־שר. ער פּוצט די לייכטער און זיי בלייבן שמוציק. ער גיסט אייל אינעם נר־התמיד און דער אייל פאַרגיסט זיך איבערן דיל פון דער שול.

מען וועט אים אָפּזאָגן? אדרבא, זאָלן זיי; נו, מירן לעבן, דערלעבן, וועלן מיר זען. אָבער איצט שטייט אים שוין ביי דער זכות פון זיין שווער. און וויבאַלד ר׳ יהושע שולמאַן דער גבאי זאָגט עוזרן תוכחה הלמאי ער טויג נישט אין זיין טוען, שיצט אים באַלד זיין שווער. און מען האָט דערציילט אין שטאָט אַז אין אַ חנוכה־מלוה־מלכה, וואָס די־אָ קאָנספּיראַטיווע חברה האָט געפּראַוועט, האָט עוזרס שווער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַזש אַלע כלים וואָס זענען אויף אים געווען, האָבן זיך געטרייסלט און ער האָט הויך אויף אַ קול געשריגן פאַר אַלע געזעמלטע, אַז ר׳ יהושע גבאי טשעפּעט זיך צו זיין איידעם פאַר דער מינדסטער זאַך און די חברה ברויכט אים אָנזאָגן בדרך ציווי, אַז ער זאָל זיך אויפפירן ווי ס׳געהער צו זיין כלפּי דעם זון פון אַ חבר. אויב נישט וועט ער, (דאָס הייסט עוזרס שווער) אַרויס בפרהסיה און מפרסם זיין ברבים די נעמען פון די חברים פון דער קאָנספּיראַטיווער געזעלשאַפט...

האָט זיך ר׳ יהושע שולמאַן דערמאָנט, אַז אויך ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס גבאי איבער דעם ציבור, טאַקע רק מיטן ווילן פון דער חברה און ער האָט גענומען אָוועקקוקן אויף עוזרס מעשים.

אין יענער צייט, האַרט פאַר פּסח, איז שפּרינצע, עוזרס טעכטערל שלאַף געוואָרן אויף בויך־טיפוס און זיין געהאַלט וואָס עוזר האָט באַקומען פונעם קלויז איז אַוועק פאַר דאָקטוירים און רפואות. עוזרס קעשענע איז געוואָרן ליידיק. וואָלט דאָס פּאַסירט אין אַן אַנדערער צייט פון יאָר וואָלט עוזר און זיין ווייב זיך אַן עצה געגעבן און געדרייט און אָפּגעשטופּט דעם דוחק פונעם ביסל טעג ביז נאָכן קומענדיקן ראש חודש. איצט אַז ס׳איז געווען ערב־פּסח — טאָ וואָס וועט זיין מיט זיי? האַנט־געוואַלגערטע מצה מוזן זיי דאָך קויפן. וויין פאַר ארבע כוסות — מוז מען דאָך. אייער מוז מען. און שולחן עורך שטייט דאָך אויך אין דער הגדה. און די קינדער? חיימקעס שיך זענען קרועה־בלואה. און ערשט זיין כאַלאַטל און שפּרינצעלעס קליידל!

ער וועט גיין צום ועד פון אַלע כוללים. ער וועט זיך מבזה זיין. וואָרעם אויב זיי געבן — טאָ בקול־קולות. און ווער זאָגט בכלל אַז זיי געבן? ער וועט גיין צו זיין שווער וואָס איז אַ ממונה און ער פירט אַ פּאָר צדקה־קאַסעס. אָבער זינט מען האָט אים פאַרווערט עוסק צו זיין מיטן פירן איבער די שטאָט און

מען האָט אים אָנגעטאָן דעם כאָמעט פון שמשות, איז אַ הויכער בארג צווישן זיי אויסגעוואַקסן און אַ שנאה איז געווען אין זייערע בליקן בעת זיי האָבן זיך צינויפגעטראָפן, כאָטש מען פלעגט דאָס נישט ארויסזאָגן.

האָט עוזר פארקנעפלט די פאָלעס פון זיין מאנטל, ער האָט זיי ווידער געעפנט און ער איז געגאנגען צו שולמאנס האָטעל וואָס איז געשטאַנען מחוץ פון די אלטע שטאָט־מויערן. אויב שולמאן וועט אים נישט באַרגן אויפן חשבון פונעם קומענדיקן חודש געהאלט, טאָ אפשר וועט ער דאָרט טרעפן פרומע טוריסטן וואָס שטייען דאָרט איין מחמת דער באלעבאָס פונעם האָטעל איז אַ גבאי אינעם גרויסן קלויז און איז אַ מכובד אין דער שטאָט און מען קאָן זיך פארלאָזן אויף זיין כשרות און אָרענטלעכקייט.

ער האָט געשפאנט און איז געגאנגען איבער די שטאָטישע ליקלעך קליינטן וואָס געווייניטלעך פארמאכן זיי זיך ווען ס׳באַווייזן זיך שטערנדלעך זענען נאָך געווען אָפן און דעם מארקס געטומל האָט געהאלטן אין איין פארשטארקן זיך. אַראַבקעס האָבן זיך ארומגעדרייט און געפרייזט צום פארקויפן פרישע און שמעקעוודיקע חאסע (קרייטעכץ) בלעטער און א יונגער תימנער האט געטריילערט מיט אַ שטארקן קול: מסה, מסה, בעת אויף זיין פארקויפס געשטעל זענען געלעגן אויפגעדראָלטע קיכלעך ווי די פיטעס פון אראבער.

ביידע טעכטער שולמאנס זענען געזעסןביים שרייבטיש און זיי האָבן געגריוועט בריוו פון לינקס און רעכטס און ר׳ יהושוע אליין האָט הויך אויף אַ קול גערעדט דורך דער טעלעפאָן־טרובע.

עוזר האָט זיך געדרייט אַהער און צוריק אינעם גאסט זאל וואָס איז געווען כמעט ליידיק און ער האָט זיך צוגעטשעפעט צו אַ יידן וואָס זיין באָרד איז געווען שפיציק און אַ גרויסע גילדענע קייט האט זיך געשלענגלט איבער זיין בויך.

— עליכם שלום!

— עליכם הסלום, „מאָניע“ (געלט) האָב איך ניט. דוכט זשיך אַזש שוין געזשען און געגעבן איך. און בכלל דאָש ירוסלים איז פול מיט סנאָרערס. ווהין דו זשאָלסט זשיך ניט רירן זאָגן הענט: גיב געלט, גיב געלט.

איז עוזר צעמישט געוואָרן פון דאָזיקן משונהדיקן דיבור. ער האָט געקנעפלט די קנעפ פון זיין מאנטל און ער האָט זיי ווידער אויפגעקנעפלט.

— כ׳בין חס ושלום נישט געקומען בעטן אַ נדבה. און בכלל, — דאָ איז שוין עוזר געווען רוגזה אין זיין קול, — וויפיל איר זאָלט נישט געבן, טוט איר נישט יוצא זיין כלפי די אביונים פון אונדזער שטאָט און פון אונדזער מדינה. צוליב וועמען מוטשען מיר זיך דאָ, אויב נישט צוליב אייך? צי זאָגן מיר נישט אין דער תפילה פון די ימים־נוראים: אנו עבדך ואתה מלכנו?

— עקסקיוז מי... גוט, גוט. ניחא, איר זענט גערעכט — האָט ער ווייטער גערעדט מיט זיין מאָדנער אויסשפראך, — מיר איז גענוג וואָס איך האָב געטאָן בלויז איין שבת און בלויז אינעם בית מדרש „תפארת אליעזר הגדול דאנשי גריפניק בסנט לואיז“ מער ווי דריי הונדערט דאָלערס האָב איך גע־



זאַמלט און געשיקט צום טשיף־ראַביי. אַלזאָ, וואָט דיד יו סיי? וואָס האָסטו געזאָגט, יאָ, דו ביסט נישט געקומען בעטן געלט? באמת דער ערשטער ייד אין ירושלים וואָס פאָדערט פון מיר נישט קיין געלט... אם־כן, וואָס ווילסטו רב ייד?

— איך בין אַ וועגווייזער צו די טוריסטן און מיין פרנסה איז דאָס, ווי ס׳שטייט אין פסוק ואכלת און דו האָסט געגעסן ושבעת און דו ביסט זאט געוואָרן וברכת און דו ביסט אנטלאָפן, און כ׳האָב מיר געמיינט אַז ס׳איז דער ווילן פון אַ יידן צו גיין אַביסל אַ קוק טאָן איבער דעם שטאָט און ארום דער מויער — ביים לבנה־שיין, ווי מיר האָבן דאָס געלערנט אין שיר השירים.

— דאָס הייסט בקיצור אַז דו ביסט אַ „גייד“. נישט נויטיק. מיסטער שולמאן האט מיך שוין פארבונדן מיט מיסטער לארענץ, א גוטן און מאדערנעם אראבער וואָס רעדט פליסיק ענגליש... און בכלל ביינאכט? גיין ביינאכט אַיבער גליטשיקע גאסן? מע קען זיך נאָך אויסגליטשן, חלילה.

איז דער גאסט אַריין אין הוריות, דערנאָך האָט ער געלאָזט רוען זיינע אויגן איבער עוזרן און ער האָט געזאָגט צעגערנדיק:

— ביים שיין פון דער לבנה האָסטו געזאָגט... שיר השירים האָסטו געזאָגט... אודאי איז דאָ וואָס צו זען, אודאי איז דער כותל שיין אין די לבנה־נעכט... — און ער האָט צוגעגעבן באשטימט: „ניין, אין די נעכט גיי איך נישט“.

האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האנט צו עוזרן מיט אַ געזעגענונגס־ברכה און אגב אים אריינגערוקט אין די האנט אריין אַ זילבערנע מטבע. וויבאלד עוזר האָט דערשפירט די מטבע האָט ער זי אוועקגעוואָרפן מיט אַ טראסק אויפן טיש פונעם גאסט־זאל און ער האט זיך אפגעטראגן מיט גיכע טריט, בעת דער אמעריקאנער רופט אים נאָך:

— נעווער מיינד. נעמט, נעמט. פארוואָס נישט?

איז עוזר אראָפּ און ער האָט געוואַרט פארן האָטעל. דער רעש פון דער גאס איז שטיל געוואָרן. ס׳האָבן אויפגעהערט צו גיין די שפאצירערס און עוזר איז געשטאנען און געווארט. נאָך וואָס זיך איילן אהיים? אין זיין בלאנקנדיקע שטוב וואָס דערמאָנט אים מיט דער ווייסקייט פון די ווענט דעם יום־טוב, די מצות און דעם וויין...

און אז ס׳איז שוין געוואָרן חצות, איז אים שוין צוגעגעסן געוואָרן דאָס פוסטע אַרומשטיין, האָט ער געהויבן פיס כדי צו גיין אַהיים. און זיין הארץ איז אים פארערגערט און צעוויטיקט. אַ טוריסט האָט זיך אים נישט געיאָוועט און מיט ר׳ יהושוע גבאי איז אים נישט אויסגעקומען צו רעדן, ווייל ער, ר׳ יהושועלע איז געווען באשעפטיקט מיט זיינע געסט און ער האָט זיך געפאָרעט זיי אנגענעמער צו מאכן דאס זיצן ביי אים אין האטעל.

.2

די לבנה איז געשטאנען אין סאמען מיטן פונעם הימל, גילדיק און פייערלעך. דער ווארט־טורעם פונעם מגדל־דוד טובלט זיך אין שטראלן פון דעם

לבנה ליכט און די שווערע שטיינער וואָס אין די ווענט האָבן אָן אוראַלטן געשעפּטש געשעפּטשעט פון זייער פאַרפאַרענער אַנטשטומעניש אַרויס. אויך עוזרס פּיס זענען שווער געוואָרן, ווי ס'וואָלטן אין זיי אַריינגעגאָסן געוואָרן שווערע משאות און בליי. ער האָט זיך איינגעקוקט — איינמאָל אין די לבנה און איינמאָל אינעם דויד־טורעם. ער האָט געאָרעמט און געגלעט מיט זיינע הענט די שווערע שטיינער און זיך באַמיט אָפּצווענדן זיין מיין פונעם דוחק אין דער היים.

אין איינעם פון די פליגל אינעם טורעם האָט זיך עוזרן פונדערווייטנס אויסגעדוכט ווי ער זעט אַ מענטשלעכע געשטאַלט. ער איז געגאַנגען און זיך דערנענטערט און ער האָט געטראַכט אַז זיינע אויגן מאַכן פון אים ס'געצנאַר און ווייזן אים עפּעס פון זייערע הוריותן. אַ שטרויענער הוט, אַ ווייסער אַנצוג און ער איז געלענט אויף אַ געדרייטן שטעקן. אַ טוריסט. ער האָט זיך דערנענטערט כדי זיך צו איבערצייגן צי איז דאָס נישט טאַקע אַ פאַנטאַזיע פון זיין דמיון און אָט זעט ער קלאָר די שטריכן פונעם מענטשנס פּנים, אַקוראַט אויף צו באַשטעטיקן זיין זעאונג... גרויסע אויגן, בלאָע, אַריינגעטאָענע אין מרחקים מיט אַ זעערישן בליק, אַ פולע גאָמבע און פיין געקרייזלטע פּיאות איבער די באַקן. אַ טוריס פון טוריסטן לאַנד... גראַד אין דער שעה און אויף דעם פּלאַץ!

האָט אים עוזר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און יענער האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג און ער מעסט אים פון קאָפּ ביז די פּיס און פון די פּיס ביזן קאָפּ מיט אַ פאַרוואונדערט שפּאָטלען אין זיינע אויגן. עוזר האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אונטער דעם פרעמדנס בליק און ער האָט אָנגעטאָן זיין לשון מיט קורצע פּסוקים וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט צוליב זיין פּראָפעסיע.

— דו יו ספּיק אינגליש? — האָט ער געפרעגט און זיין קול האָט געציטערט.

דעם פרעמדנס אויגן פילן זיך אָן מיט סימפּאַטיע און ווייכקייט און ער שווייגט.

—שפּרעכן זי דויטש?

א שווייגן.

— פּאַרלי וו פראַנסע. ספּאַגו ספּאַניולי?

אַ שווייגן.

— גאַוואַריטע פּאַ רוסקי? בעטעכקי אַראַבי?

קיין ענטפער. דעם פרעמדנס אויגן ליגן אויף עוזרס פּנים און ברענען עס. פּלוצים קומען פּחד־מחשבות אין זיין האַרץ וואָס האָט קיינמאָל פון קיין פּחד נישט געוווּסט. האָט ער גענומען הייבן פּיס כדי זיך אָפּצוטראָגן און ער האָט אַרויסגעשטויסן, ווי אַגב אורחדיק, כדי אָוועקצוטרייבן זיין פּחד.

— אפשר רעדט איר גאָר מאַמע־לשון?

דער פרעמדער האָט זיך ווי אויפגעטשאָכעט פון אַ חלום:

— יאָ, יידיש רעד איך.

האָט עוזרן אָנגעכאַפּט אַ געוואַלטיקע התפּעלות און ער האָט איבערגע־



חזרט זיין שאלה הויך אויף אַ קול:

— טאַקע יידיש?

— יע, יע, טאַקע, טאַקע, פּראָסט פּשוט, פליין מאַמע־לשון...

— אויב אזוי, טאָ פאַרוואָס האָט איר געשוויגן? און האָט דען שלמה המלך נישט געזאָגט: החיים והמות ביד הלשון, די צונג איז ווייך און מען קאָן זי דרייען אַהער און אַהין. נאָך אַביסל און מיין נשמה וואָלט מיר אַרויסגעשפּרונגען פון שרעק. אפשר וויל אַ ייד גיין צום כותל מערבי?

איצטער צום כותל מערבי? צי איז דאָס מעגלעך? צום כותל מערבי? אָבער אויב ירושלים איז מלכות און דער כותל מערבי איז דער כתר המלכות... כתר מלכות אין דער־אָ שעה איז רעווין דרעווין (די תשוקה פון אַלע תשוקות) די שיינקייט פון אַלע שיינקייטן, די שיינקייט פון דער גבורה און די שיינקייט וואָס אין מלכות און איבער אַלץ דאָס מלכות וואָס אין דער שיינקייט... וואָס האָב איך געזאָגט? נו, לאָמיר גיין!

די פּיס זענען לייכט געוואָרן. דער וועג האט געמאַכט א קפיצת־הדרך אונטער זייערע פּיס. און אָט זענען זיי אויפן כותל־פּלאַץ. די גרעזער וואָס זענען אַרויס צווישן די פעלדזן־שפּאַרעס האָבן געקושט די שאָטנס און זיי האָבן אויסגעזען ווי צעשויבערטע גריוועס פון לייבן... דער שיין פון דער לבנה האָט באַגאָסן דעם פּלאַץ און די מויערן־שאָטנס האָבן אים אָפּגעשלאָסן. אַחוץ ר' אברהמעלע בראַסלאַווער וואָס איז געשטאַנען און געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים, איז דאָרט קיינער נישט געווען אַ לייכטער ווינט האָט געבלאָזן און האָט צעפאָכעט די ווייסע פּיאות פון ר' אברהמעלען.

אין דעם פרעמדנס אויגן האָבן זיך געוויזן טרערן. נאָך אַביסל און עוזר וואָלט זיך צעכליפּעט מיט אים, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן. ער האָט זיינע טרערן אין זיך געשטיקט און אָנגעהויבן דערציילן דעם פרעמדן יידן וועגן דעם כבוד פון ירושלים און וועגן דער קדושה פונעם כותל מערבי. ער האָט זיך צעקאָכט פון זיינע אייגענע רייד און ער האָט שוין פאַרגעסן אַז אַלע די דיבורים זענען נישט מער ווי אַ מיטל צו באַקומען געלט אויף צו קויפן מצות און וויין לכבוד פּסח.

און ווי זיי שטייען אַזוי האָט ר' אברהמעלע פאַרענדיקט די קאַפּיטלעך פונעם תיקון כללי, פאַרמאַכט דאָס ספר און איז אַוועק אַהיים, בעת די אויגן פונעם פרעמדן קוקן אים נאָך ביז ער איז פאַרשוווּנדן. אינצווישן האָט עוזר גערעדט און גערעדט און אַריינגעפלאָכטן זיינע רייד מיט פּסוקים פון דער תורה נביאים און כתובים, אויסגעטייטשט און פאַרדרייט, ווי ער האט דאס מיט זיין לוסטיקער לומדות געקאָנט.

— ווער איז דאָס יענער ייד, דער צדיק וואָס איז געשטאַנען דאָ און זיך מתבודד געווען מיטן כותל אינמיטן נאַכט? — האָט דער פרעמדער געפרעגט מיט אַ קול אַ פאַרשטיקטן פון טרערן, געמיינט האָט ער ר' אברהמלען, דעם בראַסלאַווער.

— פון וועלכן יידן רעדט איר?

— וואָס הייסט פון וועלכן ?... אָט איז פאר אונדז דאָ געשטאַנען אַ ייד און ער האָט געזאָגט מיט התלהבות קאפיטלעך תהילים און איצט איז ער אַוועק פון דאנעט.

— דאָס איז געשטאנען אַ ייד ? איר האָט דאָ געזען אַ יידן ? ווי האָב איך דאָס דאָ נישט געזען ? ממש ווי ס׳שטייט געשריבן : „עינים להם ולא יראו, אזנים להם“... באמת נישט דאָ איז געשטאנען אַ ייד און איך האָב געגלויבט אַז מיר זענען דאָ אַליין.

— סטייטש געשטאנען, וואָס סטייטש איר האָט געטראכט ? באמת נישט געזען ? מיינע אויגן האָבן דאָך געזען. אודאי האָבן זיי געזען.

— ווייזט אויס — האָט עוזר אָנגעהויבן צעגערנדיק — דאָס איז נישט אנדערש נאָר אליהו הנביא האָט זיך אים דאָ אנטפלעקט. אוי, וואָסערע זכיה... נישט יעדער איז זוכה...

— וואָס טייטש זוכה ? וואָס טייטש זיך נתגלה זיין ? — האָט דער פרעמדער גערופן שטארק איבערגענומען. — באמת, באמת, כ׳האָב זוכה געווען צו גילוי אליהו.

— איר האָט זוכה געווען — האָט עוזר געענטפערט (און אין הארצן האָט ער צוגעגעבן: הלואי זאלן אלע שונאי ציון זוכה זיין זען דאס ליכט פונעם טאָג....) איר האָט זוכה געווען און נאָך וואָס פאר אַ זכיה ! זען אליהו׳ן. און ווען ? ביים כותל מערבי. איר זענט א גרויסער בר־זכיה, מיין האר (און אין זיין הארץ טראכט ער זיך : איך וועל זיין אַ גרעסערער בר־זכיה פון אייך אויב כ׳וועל זוכה זיין ארויסצוציען פון אייך אַ האנט־גאב כ׳זאָל קאָנען קויפן פאר דעם געלט מצות און ווייך.

דער פרעמדער האָט אָנגעהויבן טאנצן פון שמחה. ער איז געפאלן אויף די שטיינער, אויף די כותל־שטיינער, ער האָט זיי אַרומגענומען און געקושט גאָר שטארק.

ווען זיי זענען געגאנגען צוריק אין שטאָט אַריין, האָט עוזר דעם גאנצן וועג נישט געעפנט די מויל. דער שקר וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פונעם מויל האָט געברענט זיינע ליפן ווי אַ פייער־בראנד.

— וואָס האָט ער געטאָן ? וואָס האָט ער געטאָן ? אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב פרנסה ?

דער פרעמדער ייד האָט נישט אויפגעהערט צו פרעפלען זיינע רייד פון שמחה :

— איי, איי, ירושלים עיר הקדש. סאַראַ זכיה ! אליהו הנביא, אליהו התשבי ! ירמיהו הנביא, ירמיהו התשבי ! איי, איי, איי...

ביי דער באטראק־גאס האָט זיך עוזר אָפגעזעגנט פונעם פרעמדן. אַוועקגייענדיק האָט ער נישט געהאט קיין מוט צו בעטן שכר־טרחה. אָבער דער טוריסט האט נישט געווארט ביז מען וועט אים בעטן און ער האט אריינגעשטעקט עוזרן אַ באַנקנאָט אין האנט. וויבאלד עוזר איז אַביסל אַוועקגעגאַנגען און ער האָט זיך דערנענטערט צו זיין הויז, האָט ער אָנגעטאפט דעם באַנקנאָט



און ער האָט געזען אינעם לבנה־ליכט אַ בלויען געלטשיין פון אַ האלבן פונט. האָט ער געדאנקט דעם רבונו של עולם אַז ער האָט אים נישט פארלאָזט אין זיין קלעם און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

עוזר איז געווען א בכור. אַז ער איז בעגינען געגאנגען צום סיום בכורין און איז צוריקגעקומען פונעם מנין פריילעך און מיט גוטן געמיט, האָט אים זיין ווייב געטראָפן מיט אַ גוטמוטיקן שפּאָט :

— אוי, עוזר, עוזר, אַז מען שיקט אַ נאַר אויפן מארק, פרייען זיך די קרעמערס, וואָסערן באַנקנאָט האָסטו דאָ אַוועקגעלייגט אויפן טיש ? ס׳איז בכלל נישט קיין באנקנאָט פון אונדזער מדינה.

האָט עוזר גענומען דעם באַנקנאָט, אַריינגעטאָן אין אים די אויגן, געלייענט און געפונען אַז דאָס איז אַ באַנקנאָט פון צען פונט און די דאָזיקע שלימזלניצע, די ווייב זיינע, זיין שיינדל, האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ גרויסן סכום פאר אירע אויגן און זי האָט געטראכט אז מען האָט אים, דעם מאן אירן, אָפּגענאַרט.

און עוזר האט צוגעקנעפלט די קנעפּ פון זיין מאנטל, און ער האט זיי ווידער אויפגעקנעפלט פון גרויסער דענערווירטקייט און ער איז געלאָפן געוויר ווערן אין די שטאָטישע האָטעלן, אויב ס׳האַלט זיך אויף דער טוריסט, דער פארשווונדער. האָט ער זיך צוגעאיילט און ער איז געלאָפן צו שולמאנס האָטעל און צו אלע האָטעלן אין שטאָט און — — —

...דער פארשוין איז נישטאָ. קיינער האָט נישט געזען און קיינער האָט נישט געהערט. ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען !

ביינאַכט, נאָך דער הגדה, האָט עוזר דערציילט די גאנצע מעשה און געפרעגט זיינע צוהערערס :

— און וואָס מיינט איר ? איז נישט אליהו הנביא געווען דער־אָ טוריסט, וואָס האָט זיך מיר אנטפלעקט ביי דער מויער ? אודאי איז ער עס געווען. און ווו איז געווען מיין שכל דעמאָלט ווען כ׳האָב געוואָלט מגלה זיין אליהו׳ן פאר אליהו׳ן ? בעסער אַז איר פרעגט נישט.

ייִדיש — ש. שפּיוואק

„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם“
די נייע פאעמע פון די דיכטערין חוה ראזענפארב

צו באקומען ביי :

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פרייז 5/6 —

ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי.

## משה עובד

### אין די קרומע שפיגלען פון מענטשנס אויגן

אין די קרומע שפיגלען פון מענטשנס אויגן,
בין איך שוין אן אלט געבויגענער ייד,
אבער מיין יונגטשיק הארץ האב איך דאך דערצויגן,
ס׳זאל קיין מאל נישט ארויס פון וויגל־ליד.

ס׳קען זיין, איך בין שוין א גרא־גרייז,
געוויקלט אין א מגילה פון טויזנטער יארן,
אבער איך קען דאך נאך נישט גוט דעם „אלף־בית“,
ווי איך וואָלט ערשט געקומען פון ׳בראשית׳ צו פארן.

דער הימעל איז ביי מיר נאך א גאלדענע פאווע,
די ערד, אַ קינדערגארטן יונג אין פריש,
פון שטיינדעלעך און זאמדעלעך מאך איך דיר א פאטראווע
גוט געגוג פאר א קעניגס טיש.

ס׳האַרץ ס׳טרעט איבער די שוועל פון מיין הויז,
ווערט א יאוועלן שאכטעלע פול מיט וואונדער,
פון פעלזן טייבעלעך קנעט איך דיר אויס,
און מאך פון פילאזאפן שפיל־קינדער.

ווען איך טובל אין פרייד א טרויריקן דימאנט,
וועט זיך שוין קיין שאטן צו אים צורירן,
ווען א קאלט שקעטעלע איך גלעט מיט מיין האנט,
וועט עס שוין קיין מאל מער נישט פרירען.

ווייל איך בין נישט קיין קעלבעל פון אַ בהמה געקאלבט,
און שטאם נישט פון בלוט־פארגיסנדער אומה,
מיך האבן די טרערן פון מיין מאמע געזאלבט,
טאטע, האט אפילו אין א חלף געזוכט א פגימה.

אויף מיין מזרח שיינט מיין באבעס לעצטע ווערטער,
„גיי שוין אין בית־המדרש אריין, גיי שוין גיי“,
און א בית־המדרש זיינען אלע ערטער,
ווי מיט איין פיס איך נאר שטיי.



### מיט צוויי זעק צירונג

מיט צוויי זעק צירונג, ווי מיט צוויי קיבעל,
וואָלט איך גערן געוואַנדערט פון לאנד צו לאנד,
און די ליידענדע פון חושך, ווי די ביבעל,
בעלייכטן מיט דער נשמה פון א ברילאינט.

ווייל ווי דעם זעערס אויג איז דאך דער איידעלשטיין,
פינסטערניש קען אים נישט פארשטעלן
די ליכטיקסטע פירה און אונזער פאראדיז אליין
ניט צו פארשעמען דעם אור־הבוקר דעם העלען.

דערווייל בעהאלטן זיי זייער פראכט אויף א משיחישע שעה,
און באדעקען זיך מיט זיבן הימלישע דעקען
און נאר פאר די יחידי־סגולה וואָס זיינען זוכה דאצו
טון זיי זייער נאקעטקייט, שוין איצט ענטפלעקן.

### א לויב געזאנג צו חוה׳ן

אין מיינע פינצטערסטע קעלערן פון טיפסטן טרויער,
האט ער די זיסעסטע ווינען אריינגעגאסן,
איז דאך א שאד זיי זאלן ווערן זויער,
איידער דורשטיקע ליפן האבן פון זיי גענאסן.

זאל זיין כ׳וועל דעם אין־סוף מיט תפילות צווינגען
ער זאל מיר שענקען יארן ביז הונדערט און צוואַנציק
אויב איך וועל ביים סוף נישט האבן מיין וואָרט געזונגען
איז עס דאך אלץ נאך ווייט צו ווינציג.

טעג און יארן האב איך פון דיר מער אודאי,
אבער כ׳צייל זיי אין וועג, לויטן אינהאלט פון געזאנג,
און מיט דיין מתנה: „וואָלד באלאדע“,
האסטו שוין געלעבט און וועסט לעבן לאנג.

## א. מ. פוקס

# טונקלע טעג

(דערציילונג)

(המשך)

ווי ווייל די לייט האָבן אלץ געטריבן לצנות פון סענדערס מפלה, איז פונדעסטוועגן פאָרט אויסגעקומען אזוי, דאָס מיט זיין געוואַגטן פרווו צו אנטרינען פון דער צרה אין דער גמינע, איז עפּעס ווי מיט אמאל געבראָכן געוואָרן די טעמפּע לאסט פון דעם פארצוואונגטן קלעם, גלייך אַ פאַרהאַקטער קניפּ וואָלט זיך פלוצים אויפגעלייזט און די יידן האָבן דערפילט אַ שטויס פון ווידערשפּעניקן כח, וואָס האט ווייליק דערהויבן די דערדריקטע געמיטער און צעשפּארט דעם געדרענג פון די לייבער. מיט הארבן ירגזון, וואָס האָט שארף אַ גלי געטון אויף זייערע ברוין אָפּגעברענטע פּנימער, פאַרהאַרטעוועטע ווי קיזלשטיינער, האָבן די יונגען באלד אָפּגעשטופּט די פּוילישע וואך־זעלנער מיט די געלאָדענע ביקסן, וואָס האָבן געהיט די קופּע צענויפגעטריבענע יידן אין ווינקל און דער עולם האָט זיך גיך צעשאָטן איבער דער גאנצער גרויסער גמינע שטוב, מיט פעסטע און ברייטע שטיוועל שפּאן, אהין און אהער, ווי הייִמישע באלעבאטים וואָס קיינער האָט נישט קיין רעכט זיי צו שמעלערן די פרייקייט. אויף זייערע עקיג אונטערגעהויבענע אַקסלען פון שווער פאַרהאָרעוועטע מאנסבילן, איז ווי אויף דעמבעס געוועזן אָנגעוואַקסן דער שטארקער ווילן פון ווידערשטאנד, תמיד גרייט זיך צו קריגן מיטן שונא, כדי צו פאַרטיידיקן זייער מענטשלעכע ווירדע. אַ גרימיקער געמורמעל האָט זיך צעברויזט, אַ טראָג געטון איבער די קעפּ, אז די יידן בונטעווען זיך. ס׳האָט פון ערגעץ ווי אַ דונער אַ זעץ געטון עפּעס אַ פארטומלטער געלאָף און ס׳האָט ווי אַ בליץ אַ פייערדיקן שמייס געטון מיט צאָרנדיקע פונקען פון ברענענדיקע אויגן:

— יידן, געוואַלט, אהיים גייט...

ווי אַ וואנט פון צונויפגעביילטע לייבער טוט זיך דער עולם ראפּטום אַ שפּאר צו דער טיר. נאָר דאָרט כאפּן זיך די וואך זעלנער פאר זייערע געלאָדענע ביקסן, אָנגעשטעלט מיט די באגנעטן צו די בייכער, פינצטער וואָרנענדיק אַ פינגער פארקלעמט אויפן שיסצינגל, גרייט אַ דריק צו טון, טאָמער וואָגט עמיץ נאָך אַ ווייטערדיקן שפּאן:

— צוריק, צריק, זשידי, וואָרים מ׳וועט אלעמען דערשיסן אויפן אָרט!

אַ האלבן שריט פּאַוואָליע באדעכטיק פאָראויס און אַ האלבן שריט הינטערווייִלעכץ געדרענגט וויגט זיך אַ רגע צעהיצט און גרימיק צומורמלט די מענטשן־קופּע, ווערט פארגליווערט און צעשיט זיך ווידער באטריבט אָפּגעקילט, נאָר געשטארקט אין הארץ אַ יעדער איינער פאר זיך זעלבסט:

— כאַפּט זיי דער רוח די כאמעס, מ׳וועט זיי שוין וויזן...

ברוכל, דעם שוואַרצן לייב׳ס צעניאַריק ייִנגל, קומט פלוצים אַריין פון דרויסן, אין זיין צו לאנגן געלאַטעטן טיזליק, דעם צעריסענעם היטל דאַשעק



אָנגערוקט איבער אַ שוואַרץ צעפּינקלט פריילעך אויגל און ער טוט אַ שלעפּ זיין טאַטן פאר אַ פּאָלע:

— טאַטע, הער נאר, די מאַמע רופט דעך... די מאַמע האט געזאגט אז דו זאָלסט שוין אַהיים גיין עסן אָנבייסן, ווייל ס׳ווערט קאַלט די קאַשעפּעני מיטן — ——

— הא? וואוּ? — אונטערברעכט לייבע מיט א דערשטוינטער מינע, גלייך ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון עפּעס א הינער פלעט און ער בלייבט שטיין אינמיטן דרינען, מיט א קרום צעעפנט מויל, ווי א שווארצע הייל אין זיין געדעכטער פּנים האָריקייט:

— נו, נו, יאָ, יאָ, כ׳גיי שוין באלד... — זאָגט ער צעטראָגן און טוט מעכטיק אַ צי די הויזן, פארבונדן מיט אַ שטריקל. טאקע, וואָס שטייט ער עפּעס דאָ, ווי אַ ליימערנער גולם, אזוי פון פארטאָג אָן שוין, ווען די זעלנער האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון דער שטוב און אים געטריבן אין דער גמינע. ער האָט אַפילו היינט נאָך נישט געדאַוונט, נישט איבערגעביסן, נישט אַ קוק געטון צו זיין שטיקל געבראָכן באלעבאטישקייט און באלד שוין געפּטרט אַ טאָג. ער דארף דאָך גיין צו דער באַן ארבייטן, אָפּלאָדן אַ וואַגאָן קלעצער און פארדינען זעקס זעקסער אַ טאג שוין אויף פרנסה, צי ניין? וואָסזשע טוט זיך דאָ עפּעס היינט מיט אים, הא? נאָר ער בארעכנט זיך אַז מסתמא מוז דאָ עפּעס זיין יענע מעשה. ווארום אַ זעלנער איז דער שוואַרצער לייבע שוין געווען נאָך אין די בחורשע יאָרן, ווען ער האָט געדינט דעם קיסר פראנץ יאָזעף דריי יאָר, דערנאָך איז ער געווען פיר יאָר א לאנד־שטורעם מאן אין דער עסטרייכער אַרמיי און געקעמפט אויף אלע שלאכטפעלדער פון די פראָנטן. ער ווייסט גוט דעם באטייט פון אַ געזעץ און דער שטרענגער באפעל פון אַ עלטסטן ליגט אים גענוג אין די ביינער. אָבער דערווייל האָט מען אים היינט נאָך נישט אסענטירט. ער גייט נאָך נישט אָנגעטון אין אַ זעלנערישן מונדיר, נייערט זיין אייגענעם צעפליקטן ראָק, ער איז מוראדיק הונגעריק און ס׳ווייב רופט אים עסן אָנבייסן.

— ברוכל, — מאַכט ער און טוט אָן ס׳שעפּסענע היטל אויפן קאָפּ, ער האָט עס אין דער ערד. — קום, לאָמיר בעסער אַהיים גיין...

— האלט! צוריק! — טוט מיט אַ רויען כריפּ אַ געשריי דער פוילישער וואַך־זעלנער ביי דער גמינע טיר און טוט אַ שטעל־אָן דעם געלאָדענעם מיטן באגנעט אַרויפגעזעצטן ביקסל לייבן גלייך צום הארץ:

— האלט! צום רוח, מ׳טאָר נישט אַוועקגיין, צוריק, ווייל כ׳דערשיס דיך דאָ ייד, פּשאקרעוו — טוט דער זעלנער מיט רויט צעכעסטן פּרצוף א גרויליקן קריץ מיט די ציין.

לייבע ענטפערט אים נישט קיין וואָרט. ער טוט בלויז מיט זיין שטארקער האנט אַ כאַפּ אָן די ביקס, שארט זי אַוועק ווי אַ שטעקן פון זיך און דערלאנגט יענעם אַזאַ שווערן סכנותדיקן שטומען קוק פון זיינע פארזונקענע אויגן אונטער די געדעכטע שוואַרצע ברעמען בינטן, אַז דער זעלנער ווערט בלאס פון

שרעק און טרעט אים גיך אָפּ דעם וועג.

אַז לייבע גייט אַוועק, רוקן זיך נאָך אים אַרויס פון דער גמינע, מעכיל דער סטאָליער מיטן לײַדיקן אַרבל פון זײַן אָפּגעשאָסענער האַנט, אַרײַנגעשטעקט אין ראָק־קעשענע, דער רויטער הערש און דער קרומער מרדכי. קיינער טוט זיי גאָרנישט און מען לויפט זיי נישט נאָך צו כאַפּן אין דרויסן. שייקע לייזערס טרינקט שוין פריילעך צושמייכלט אַ פלעשל ביר וואָס ער גאָרגלט, מיט פאַרריסענעם קאָפּ, אין מויל אַרײַן און ווי בײַ זיך אינדערהיים, זיצט זײַן טאַטע אין ווינקל אויף אַ לײַדיק פעסל, מיט דער אײַזערנער בריל אויף דער קײַלעכיק געשטופּלטער נאָז, וואָס קוקט אַרויס פון דער שיטערער באָרד ווי אַ צעגריבלטע לימענע און ער לאַטעט מיט אַ גרויסער זאַק־נאָדל אַ צעפליקטן גויעשן פעלץ, וואָס ער האָט דאָ אָנגענומען צו פאַריכטן כדי דערוויַיל פאַרדינען עטלעכע זעקסער. ישראל עלי דער בעדער האָט פאַררויכערט זײַן לאַנגן לולקע ציביק וואָס אויפן ווייסן פאָרצעלייענעם טאָפּ איז אויסגעמאָלן דער רויטער קאָפּ פון אַ ציגײַנער מיט אַן אויערינג. ער פּאַפּקעט מיט כח, שלינגט הנאהדיק דעם ביטערן טויטן־רויך אויפן ניכטערנעם מאגן און ער האָט אַזוי לאַנג גרימיק געציפּט און געקעמט מיט די פינגער זײַן פאַרקנאָדערט שוואַרץ־גראָ קרענדל בערדל, ביז ס׳איז געוואָרן לאַנג־אויסגעצויגן און צעשויבערט ווי די גריווע פון אַ לייב אַרום זײַן געלן ברייטן פּנים, די צופּלעטשטע געבויגענע נאָז פאַרשפּיצט אַריבער דער אויבערשטער ליפּ און ער בייזערט זיך צעטראָגן אויף זײַנע צוויי בנים, משה יאַנקל און נחום, וואָס האָבן דאָ, צווישן די גוים, אינמיטן דרינען געשמאַק געגעסן, קנײַפּענדיק בגנבה פון די קעשענעס, עפּעס פאַרדעכטיקן קעלבאַס, מיט אַ טריפה פעטן ריח:

— געוואַלט, הילטייעס, וואַקאַבונדעס, באַטוארן! מען מעג, האַ? מען מעג פרעסן אומגעדאַווענט, אומגעוואַשן? זאָגט נאָר טײַערע זינדעלעך מײַנע, אַ ברכה האָט מען כאָטש געמאַכט? אַבי מ׳איז געגאַנגען אין חדר, אַבי ער האָט פון זיך געצויגן די קליי צו צאָלן שכר לימוד. אַז אַזוינע געזונטע ייִוואַנעס ווילן נישט פאָלגן אַ טאַטן. ער וואָלט זיי כח געהאַט אַריבערצולייגן איבער אַ קני און אָנשמייסן מיטן רימען — טוט ער זיך צופלאַמט פון צוכעסטן אָנשטעל, אַ כאַפּ די הויזן. — יאָ, יאָ, די ביינער וועט ער זיי אָנברעכן — שרייט ער מיט אַ צופּאָכעטן קולאַק אין דער לופטן.

נאָר די בנים הערן אים ווי די קאַץ. זיי האָבן שוין פון לאַנג אָן נישט קיין מורא פאַרן טאַטן צו טון וואָס ס׳געפעלט זיי, ווייל דער עלטערער משה יאַנקל, קורץ און גראָב, קײַלעכיק ווי אַ פעסל און דער ייִנגערער נחום, לאַנג און שטאַרק ווי אַ דראַנג און בײַדע מיט דעמבענע קאַרקן און פריילעך צעגלאַנצטע אויגן, טיף אונטער די קורצע שטערנס מיט האַרטע שויבערס, געראָטן אין טאַטן, לאַכן אים אין פּנים אַרײַן, ווינקן צו אים ווילעריש מיט אַ שפּעטיש צושמייכלט פאַרקרומט אויג, ווי צו אַ גוטן ברודער און קײַענדיק מיט פולע באַקן טון זיי אים לצנותדיק אַ פּאַר אָפּ:

— שאַ, שאַ, טאַטע. קוקטס אים נאָר אָן אָ... זיי בעסער נישט קיין שוואָנץ



מלמד. וואָס פּילדערט ער אַזוי? אַלעמיי האָט מען בײַ די זעלנער אין דער מלחמה געגעסן אַ כשרן חזיר זאַדיק מיט געפּרעגלטע ווערים און פאַרביסן מיט געבראָטענע פערד קנײדלעך, אַ מחיה... נאַדיר, ווילסט פאַרזוכן אַ שטיקל געפילטע קישקע? ס׳איז גוט, שעם דעך נישט טאַטע, כאַפּ אַ ביס.

— אוי אַ נכפה. אַז אויסגערונען האָבן זיי געזאָלט ווערן אין דער מאַמעס בויך, די יינגאַטשעס זײַנע — האָט ישראל עלי גוטמוטיק געשאָלטן אויף קאַטאָוועס. אין דער פאַרבאָרגעניש פון זײַן פּאָטערלעך ווייך האַרץ האָט ער שוין געשעפּט נחת פון זײַנע געראָטענע בנים און געטייטלט מיטן לולקע ציביק צו די מענטשן, כלומרשט באַקלאָגט זיך מיט פאַרביטערט צושאָקלטן קאָפּ:

— אָך, אָך, נו, אַ וועלט היינט מיט קינדער... צוויי גויעצן האָט ער אויפגעכאַוועט. מ׳זינדיקט אויפן שטיק. מ׳טוט עבירות אויף וואָס די וועלט שטייט. מ׳האָט דען גאָט אין האַרצן? איז דען אַ חדוש וואָס קליינע קינדער שטאַרבן נעבעך פון צײַנווייטיק... מ׳האָט שוין געהערט יענע מעשה? איינמאָל איז אַ עקרה געקומען צום רבין מיט אַ געוויין אַרויסנעמען אַ ברכה אַז זי זאָל האָבן קינדער. טוט דער רבי אַ הויב אויף די אויגן און אַ קוק אויפן ווײַבל: דאַבע זיסיל בת זרח, מאַכט ער, קום נאָר אַהער נענטער אַביסל, וואָס האָסטו אָטאָ דאָ אָ? הכלל דער הייליקער צדיק האָט אויף איר אַרויפגעלייגט די הענט כדי זי צו בענטשן און באַווײַזן אַ מופת... און וואָס מיינט איר? טאַקע פּונקט צום יאָר איז די עקרה געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן זכר צו מזל...

ישראל עלי טרעסעט פריילעך מיט זײַן לײַבן גריווע באָרד. זײַנע אויגן בליצן מיט לצנותדיקע פלעמעלעך מיט שאַרפער צונג און מענעריש קלאָרער ברוסט שטום טוט ער שיטן קלוגע גלײַכווערטלעך, הוריות, משלים און געפּעפּערטע וויצן, אויף זײַן געמיטלעך גרינגען, פאַרגרעבטן שטײַגער, אַז אַ קאָזאַק קאָן רויט ווערן פון בושה.

ער האָט דאָ אַ גוטן עולם. די געמיינע לייט אַרום אין ענגן רעדל קוקן אים אין מויל אַרײַן ווי אַ דרשן, האַרכן מיט גרויסן תענוג, לאַכן הילכיק מיט גלוסטיק פאַרוואָרפענע קעפּ, ביז פולע אויגן מיט פרייד־טרערן. ווארום ישראל עלי דערציילט נישט בלויז זײַנע מעשיות מיט פּראָסטע ווערטער, נײַערט ער טוט זייער געניט זיך נאָכקרומען די הויות פון די פאַרשוינען, מיט אַלע חנדלעך און קנייטשלעך ווייל אין די בחורשע יאָרן איז ער נעמלעך געווען אַ פייפער בײַ די קלעזמער, אַ משורר בײַם חזן, אַ בעלפער, אַ חוזק מאַכער און אַפילו אַ שטיקל בדחן. בײַ די פּורים שפּילער פלעגט ער זיך פאַרשטעלן פאַר אַ נקבה אין דער ראָל פון ושתי המלכה אין אַ ברייטן רויטן שלעפּקלייד, מיט אויסגעשטאָפּטע ברוסטן, אַ האָרן אויפן שטערן און אַ גילדענע קרוין אויפן שמויגער. אויכעט האָט ער געקאָנט זאָגן גראַמען און מאַכן קונצן.

אַצינד טוט ישראל עלי גוהדיק אַ שטרעק זײַן מעכטיקן געשטאַלט, טענצלט אונטער, פאַרציקט מיט אַ ווילערישן צונויפקנאַק די קנאָפּל פון די שטיוועל, אַ צעשמייכלטן דריי מיט אויסגעשפּיצטע פינגער די וואָנצן און מיט אַ פריצישן נויג די האַנט אויפן האַרץ און גענעפּלטע אויגן פול זיסקייט און

גלוסטיקן בענקעניש, מאכט ער נאָך ווי אַזוי אַ שניידער געזעל שפּילט שבת נאָכן קוגל אַ ליבע מיט אַ צעהנדלטער דינסטמויד. דערנאָך הויקערט ער די פּלייצע, צעקרומט דאָס פּנים מיט גרויס געיאָמער און מאכט נאָך ווי אַ ווייענדיק יידענע זאָגט די תחינה און רעכנט אויס די נשמות, ביי קנייטלעך לייגן, ערב יום הקדוש. ער מאכט א פּרום פארדבקהטע מינע און שטעלט פאר א חסיד נאָכן יאריד, אין דער הארבעריק, ווי ער שאָקעלט ביים דאַוונען מנחה־מעריב, מיט פרום פארגלאָצטע אויגן, פּאַטשט אַ וואנט און ער האָט גאָר אין זינען אַ עבירה צו טון מיט א שיינער — — — פע.... א טפּהי זאל ער ווערן דער לץ... אַז אַ ייד אין די יאָרן זאָל נישט האָבן קיין חרפּה און קיין בושה אין זיין ווייטן האלז אַריין... אַזאַ גראָבער ייִנג. שטייט און שפּעט פון גאָט און לייט... אַז די צונג מעג אים שוין אָפּגעדארט ווערן... טוט דער אלטער חנא איצי אַ נמאוסן שפּיי פון עגמת נפש. און ווי וויל דער גאָטפאָרכטיקער זקן איז בטבע מילדער פון אַ לאַם און לייטזעליקער פון אַ פארבאָרגענעם צדיק, טוט אים אָבער זייער פארדריסן ישראל עליס ביטול און שפּאָט פון חסידים און גוטע יידן. זיין שניי ווייסע באָרד איז זייטיק אונטערגעהויבן מיט אַ שאַרפן שניט פון רוגזה און דאס איידל געבלייכטע אויסגעצערטע פארמעט פּנים איז הארב גערויטלט מיטן ברענענדיקן כעס פון אַ תלמיד חכם.

— רבי חנא איצי — מאכט ישראל עלי מיט גריילעך פארשטערטן כריפּ ווי אַ האָן אַז מען האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן קרייען — הערט איר, ס'איז אייער מרכה וואָס כ'בין אַמאָל געווען ביי אייך אַ תלמיד אין חדר. אַניט וואָלט איך אייך נישט פארשוויגן די העזה. ווי זאָגט דער פּסוק: ויקהל פקידי, האָצקי נאַ קלאָצקי... איר געדענקט רבי? אשה אַן אשה, כי אז, תזריע אז זי וועט זייען...

— האַ! וואָעס?... די הייליקע תורה ביזטו שוין אויכעט מבזה! דו שייגאץ איינער, ממזר, שמדלניק, כ'על דעך רויסרייסן די היידאמאק... — טוט דער מלמד א געוואַלטיקן געשריי און מיט אַן אויפגעהויבענער האנט, די אויגן צופייערט פון צאָרנדיקן אייפער וואַרפט ער זיך יענעם אַ פּאַטש טון אין פּנים, אַז ס'זאָל דאָרט בלייבן אַ צייכן פלאָם פון אַלע פינף פינגער, ווי דעמאָלט אַמאָל, אַמאָל, אין חדר, ווען דאָס פארשייטע ייִנגל האָט נישט געוואָלט אַריינקוקן אין חמש אונלערנען די סדרה נאָר אַרויסקוקן אין דרויסן דורכן פענסטער ווי די פייגל פליען און נאָכגעזאָגט דעם פּסוק קאָפּידער... יידן מישן זיך אַריין מיט ווייכע רייד און מען צונעמט די שטרייטער:

— נו, נו, יידן, קריגט אייך נישט, ווייסעך דארט וואָעס....

ווייל ווי וויל די לייט האָבן זייער געאַכטעט חנא איצי דעם מלמד פאַר זיין גרויסן לומדות און פרומקייט, אויכעט איז ער געווען אַ חסיד און אַ מקובל וואָס וויל ברענגען משיח און אַ שליח ציבור אין קלויז, האָט מען אָבער ליב געהאַט ישראל עלי דעם בעדער צוליב זיינע גלייכווערטלעך, חכמה און פרייַלעכקייט. אויכעט איז ער אַ שערער, אַ שמש אין פּראָסטאָקישן שולכל, ער פאַררעכט שטריימלעך און קאָן האקן אָדער שטעלן באנקעס און אַפילו רייסן



ציין און קריצן מצבות.ביידע יידן זענען פול אין אַלע שטיבער, זיי ווייסן די סודות פון אַלע שווערע הערצער, געבן גוטע עצות, זענען מחתנים ביי אַלע שמחות, קברנים ביי אַלע לויות און ביידע זענען פארהאָרעוועטע אָרעמע לייט און געפּריוועטע מיט יידישע צרות.

דער עולם יידן אין דער גמינע איז שוין אינגאנצן אויפגעלעבט, די פארומערטע פּנימער זענען אויסגעלייטערט. זיי שטופּן זיך האָפערדיק צווישן די גוים און זעלנער, קהלן זיך מיט דער פּאָליטיק, גוגערן אלע אינאיינעם מיט ווירדיק דערהויבענע קעפּ, גלייך ס'וואָלט שוין טאקע באלד געקומען די ישעיה. (המשך קומט)

---

## יוסף פרענקעל

# דריי בודאפּעסטער יידן

ס'איז אייגנארטיק: טעאָדאָר הערצל, דער באַגרינדער פון מאָדערנעם ציוניזם, מאקס נארדאו, זיין טרייסטער מיטארבעטער און סטעפאן ס. ווייז, דער ארכיטעקט פון יידישן וועלט קאנגרעס — אלע דריי זענען געבוירן אין בודאפּעסט. דער עלטסטער פון זיי, נאָרדאו, איז אוועק קיין פּאריז, הערצל האָט זיך באזעצט אין ווין און דער יונגסטער, ווייז, איז נאָך אלס קינד געקומען קיין ניו־יאָרק. צום ערשטן מאָל זענען אלע דריי זיך צוזאמענגעקומען אין 1898 אין באזעל און ביים פּרעזידיום־טיש פון דעם צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן זיי זיך נעבנטער באקענט. הערצל איז געווען דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס, נאָרדאו — וויצע־פּרעזידענט און ווייז האָט געפירט דעם פּראטאקאל אין ענגליש.

דעם 4טן יולי 1898, אין טאָג פון פּראקלאמירונג פון דער אמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, האָבן זיך ציוניסטן פארזאמלט אין ניו־יאָרק — אזוי האָט דעמאָלט באריכטעט הערצל'ס אָרגאן „די וועלט“ — און האָבן געגרינדעט די פעדעראציע פון אמעריקאנישע ציוניסטן. דער פּרעזידענט איז געווען דר. ריכארד גאטהעיל, אַ פּראָפעסאָר פון קאָלומביע אוניווערסיטעט, און ערןסעקרעטאר דער 24־יעריקער סטעפאן ס. ווייז. צוגלייך מיט אנדערע זענען זיי ביידע באשטימט געוואָרן אלס דעלעגאטן צום קאָנגרעס מיטן אויפטראג „צו שטימען פארן פּאָליטישן ציוניזם“.

און אין באזעל איז ענטשטאנען אַ פריינטשאפט צווישן די דריי מענער פון בודאפּעסט. די ליבע צו ציון און דער ווארעמער ווונש צו דינען דעם יידישן פאָלק האָט זיי דערנענטערט אלץ מער פערזענלעך און פּאָליטיש.

„ווייז און נאָרדאו“ — שרייבן אנא און מאקס נאָרדאו אין דער ביאָגראַפיע איבער מאקס נאָרדאו — „זענען זייט זייער ערשטן באגעגענונג תמיד געווען גוטע און נאָענטע פריינט. ווייז איז געווען באשאָנקען מיט די זעלבע טאלאנטן און אידעאלן. זיי זענען געבליבן אין אַ בריוו־פארבינדונג און נאר־

דאו האָט דערקענט אין דעם יונגן אמעריקאַנישן פירער אַ טרייעם גייסטיקן מיטקעמפער״.

הערצל האָט באַלד ווייזן גערופן „מיין באַזעלער פריינט״.

אין הערצלס אַ שטרענג פאַרטרוילעכן בריוו צו דר. גאָטהעיל וועגן פאָליטישע פאַרהאַנדלונגען ווערט געזאָגט: „ווייז׳ן קענט איר דעם בריוו געבן צו לייענען, אַזוי אָבער קיינעם נישט״. הערצל איז אַלעמאָל געווען זער פאָרזיכטיק ביי דעם אויסוואַל פון פריינט און דעריבער איז די באַמערקונג אַ באַווייז דערפאַר, אַז הערצל האָט געהאַט צוטרוי צו ווייז׳ן און אים אָנגעטרויט זיינע געהיימע פלענער.

אין דעצעמבער 1898 האָט הערצל ווידער באַריכטעט גאָטהעילן: „שוין זייט וואָכן וויל איך דעם פריינט ווייז שרייבן, אָבער איך בין איבעראַרבעט. מיר האָבן זער פיל דערגרייכט, ליידער אָבער קען גאָרנישט פאַרעפנטלעכט ווערן״.

סטעפאַן ווייז האָט זער אָפט געשיקט באַריכטן איבער ציוניסטישע געשייענישן אין אמעריקע, וועלכע הערצל האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג „די וועלט״.

אין „אמעריקען היברו״, געגרינדעט דורך פּ. דע סאָלאַ און פיליפּ קאָהען, איז דערשינען אַן אַרטיקל פון קלאָוד מאָנטעפיאָרע, דעם פּרעזידענט פון דער אַנגלאָ־יידישער אָפּאָזיציע קעגן ציוניזם. הערצל׳ס ענטפער „די מיינונגען פון מר. קלאָוד מאָנטעפיאָרע״, פאַרעפנטלעכט אין „די וועלט״, איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער אַסימילאַציע אין ענגלאַנד. סטעפאַן ווייז, וועלכער האָט געוואָלט, אַז די יידישע און די נישט־יידישע פּרעסע אין אמעריקע זאָלן זיין אינפאָרמירט וועגן ציוניזם, האָט זיך געווענדעט צו הערצל וועגן אַן אַרטיקל. הערצל האָט ווייז׳ן געענטפערט:

„ווין, דעם 28־טן דעצעמבער, 1898.

געערטער פריינט!

נאָך מיין צוריקקער פון ארץ ישראל האָב איך געוואָלט אייך טאָג־טעגלעך שרייבן, אָבער איך האָב געהאַט דאָ צו פיל אַרבעט. איך האָב אייך געוואָלט וואָס צושיקן — לויט אייער ווונטש פאַרן „אמעריקען היברו״. היינט האָב איך געפונען צייט. איך בעט אייך איבערצוגעבן גרוסן מר. פּ. קאָהען און מיך צו אַנטשולדיקן, וואָס איך קען נישט ענטפערן גענוי אויף אַלע זיינע פראַגן.

מיין ליבער ווייז, צום מאָמענט קען איך נאָך נישט מיטטיילן וועגן אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן, אָבער גליבט מיר — ס׳זענען גרויסע זאַכן.

און אויב אין די לאַנדעס־קאָמיטעטן איבעראַל וואָלט מען געאַרבעט מיט אַזאַ דערפאָלג און התמדה ווי אין צענטראַל־קאָמיטעט, וואָלטן מיר שוין געהאַלטן פיל ווייטער...

מיט הערצלעכן גרוס,

אייער איבערגעגעבענער

ט. הערצל.״



און סטעפאַן ווייז האָט געאַרבעט מיט התמדה און דערפאָלג. דעריבער האָט באַלד באַריכטעט „די וועלט״ און פאָלגענדע צוויי זאַצן זענען באַמערקונגסווערט (15.12.1899):

„אַ בעסערן רעדנער אַן טיכטיקערן אָפּאָנענט פאַר אונזער זאַך ווי סטעפאַן ווייז איז אין אמעריקע נישטאָ.... אַלע אונזערע שטאַרקסטע קעגנער אַנערקענען, אַז זיי האָבן נישט געהערט נאָך אַזאַ רעדנער, וועלכער זאָל מיט איבערצייגענדע אַרגומענטן אַזוי קענען פאַרטיידיקן די ציוניסטישע זאַך, ווי סטעפאַן ווייז...

„ווייז איז דער פאַרשפּרייטער פון גייסט פון הערצל און פון נאָרדאָו אין אמעריקע...״

און ווען הערצל איז געשטאָרבן, האָט ווייז טעלעגראַפירט: „... מיר טרויערן נאָך אים, אָבער מיר ירשנען אויך זיינע אויפגאַבן. זיין ווילן מוז דערפילט ווערן...״

און צו די יורשים פון הערצל האָט אויך געהערט ווייז. ער איז געווען דער פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אמעריקע, דער בויער פון אמעריקאַנישן יידישן קאָנגרעס, דער „ספּיקער״ פון יידישן וועלט קאָנגרעס. ער האָט באַווירקט די לעצטע דריי פּרעזידענטן פון אמעריקע פאַר דער ציוניסטישער זאַך און דער בריוו פון וודראָו ווילסאָן פון 13.8.1918 צו ווייז׳ן, ווו ער זעצט זיך איין פאַר דער באַלפור דעקלאַראַציע און פאַר ציוניזם, געהערט צו די היסטאָרישע דאָקומענטן פון ציוניזם...

גענוי 50 יאָר נאָכן צווייטן ציוניסטישן וועלט קאָנגרעס האָט זיך אין דער שווייץ פאַרזאַמלט דער יידישער וועלט־קאָנגרעס צו זיין צווייטער סעסיע. צו איינע פון די פייערלעכסטע און רירנדסטע סצענעס האָט געהערט די רעדע פון סטעפאַן ווייז וועגן הערצלען. דאָס איז געווען אַן אויפריכטיקער אויסדרוק פון איבערגעגעבנקייט און פון אַן ערלעכן מאַן צום גרויסן יידישן מנהיג ,הערצל. דאָס יידישע פאָלק — האָט געזאָגט ווייז — האָט אין לעצטן יאָרטויזנט אַרויסגעגעבן דריי גאונים: מימון, שפּינאָזאַ און הערצל...

ווייז אַלס רעדנער און פירער האָט דערמאָנט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן הערצלען און אויפן יידישן וועלט קאָנגרעס נאָרדאָו׳ען. ער האָט געקענט זיין ציל, גערעדט צום האַרצן, דערוועקט האָפענונג, געפאָדערט גערעכטיקייט, פאַרטיידיקט די אומבאַשיצטע און אַפּעלירט צום געוויסן פון דער וועלט.

ווייז דער ראַבינער, הערצל דער יוריסט און נאָרדאָו דער מעדיצינער — זיי אַלע שטאַמען פון בודאַפּעסט. אָבער נישט בודאַפּעסט האָט זיי דערנענטערט, נאָר באַזעל און די ליבע צום יידישן פאָלק.

א. נ. שטענצל

# אין ערשטן היי־שניט

(סוף)

9

אַן אויסגעשפּאַנטער שטייט אויף הימל „דער וואָגן“,
דער לבנה־שערפּ בלינקט אַן אָקאָרשט געדינטער;
ווי נאָך ווילדן געוויטער און פלייץ־געוויטער,
איז דער דערפרישטער הימל אַ פריש צעגרינטער.

פלינק אַהיימגעפירט דאָס היי אין די סטאָדאָלעס,
קיין איין סטויג איבער נאַכט נישט ליגן געבליבן,
און זיינע שעפעלעך, וואַקלדיק וואָלקנדיק,
ס׳האָט דער פאַסטוך פאַר שרעק פלינק אהיימגעטריבן.

איז דער הימל אַזאַ ווייטער, אזא שטילער,
און איך אַ פארגליווערטער טראָפּ אין דעם שטילן!
נישט אויפצוועקן דעם „הונט“ אונטערן וואָגן,
ער זאָל זיך נישט אינמיטן דער נאַכט צעבילן.

ווי עס בלאַנקן דאָס זיינע בלינקנדיקע ציין,
און פון בייזע חלומות אין שלאָף זיין קריצן —
ציט נישט ווידער אָן פון ווייט־ווו אַ געוויטער,
די שטילקייט אויפצורייסן מיט שאַרפע בליצן?

10

לעצטער שאַריען היי־געקאָשעטער פרילינג,
אַ דאַמפנדיקער אין היי־גערוך, אין האַרבן,
יעדעס געבליבענע גרעזל, טוי־טריפנדיק,
פאַרוווּנדיקטער באַגין אין וווּנדער פון פאַרבן.

דער צעהירזשעטער אָגער, געפענטעט, צעדולט,
דיבאָם אויף היִנטערשטע פיס, דעם עק פאַרריסן,
אַזוי־אָ מיט די פאָדערשטע, געבונדענע,
האָט די זון פונם הימל אַראָפּגעריסן.

און די קי, נישט אויף בייכער צעמעלה־גירהט —
אין בויך פון דער ערד גאָר זיי וואָלטן געלעגן;
האָרכן זיך צו מיט שרעק פאַרגלאָצטע אויגן
צו שאָטנס פון צעלאָפּענע וועלף אויף וועגן.



פאַרוווּנדיקט, צעדולט, פון וווּנדער אויפגעריסן,
כ׳בין דער הונט, וואָס קאָן אינם פאַסטוך נישט פאַרגעסן,
אַ געבליבענע אליין פון גאַנצער סטאַדע,
ווען שעפער מיט שאָף איז אויפגעפרעסן.

11

## פאר ע.

„אַ יאַק זשע יאַ דאָ דאָמו פרידו״?

אַז די ביינדעלעך זיינען אויף אש פאַרקוילטע,
אויף שטויב צעמאַלן, ווי אזוי זיי דערקענען,
און זוכנדיק, דערזען „אַ פור מיט שטיינדלעך“,
איין רגע בלויז כאַטש מיינען אז זיי עס זיינען?

„אדוני, אדוני“, אַז כ׳זע פאַרבייפאָרן,
די היי־געפּאַקטע, הויכע דראַבינע־וועגן,
לאָז איך טרויריק און פאַרשעמט דעם קאָפּ אַראָפּ,
און טו שוין ביי די פויערים גאָרנישט מער פרעגן...

נאר ווען דער תמוז־מולד גייט פאַרבלוטיקט אויף,
רייסן זיך אויף מיינע זוכנדיקע אויגן:
איז עס נישט יעקעלעס גאָלדענע ציגעלע,
פונם שול־דאַך אויף הימל אַרויפגעפלויגן?

פלי איך אים נישט נאָך, פון היי־גערוך א באַטויבטער
לבנה וואַנדליק פול חלומדיק, גלויבן?
זע איך דאָך דאָס גאָלדענע הערנדלע זיינס,
פון גרויען ווידערוווּקס אַרויסקוקן אויבן — — —

12

א נעדעלע אין א וואָגן היי פאַרלוירן,
ווער קען דען דאס דינע נעדעלע געפינען?
אַחוץ אין סוף־זומער, נאָכן לעצטן היי־שניט,
אַ שפּין אירע געוועבן דערמיט צושפינען.

אַלע היי־פעדעמלעך אויף לאָנקעס צעשפּרייטע, —
אין בייזע געוויטערס צעפלאָשעטע סטויגן! —
אירע פאַנג־נעצן א פליגעלע צו פאַנגען,
דורך דעם דינעם נעדעלע אַדורכגעצויגן.

אדער אפשר א סוף־זומער, א לעצטן,
ווען די דינע „באָבע־יאַכנע־פעדעם“ פליען,
וועט אַ באָבעטשקע אין שפּאַקולן אָנגעטון,
דורך געפינען נעדעלע די פעדים ציען?

אָבער אין די אש־קופּעס אַ פארלוירענער,
אַז איך האָב מיך ביז אַצינד נאָך נישט געפונען,
א פארלוירענער אזוי איך וועל שוין בלייבן,
צומאָל אַז כ׳זאָל מיך זוכן מיט טויזנט זונען.

## עלזע לאסקער שילער

די בלויקייט פון ירושלימ׳ס נעכט,
אין דיינע שוואַרצע לאָקן האָסט דו שוין געטראָגן,
און ווען גרוי ביזט דארט אהינגעקומען,
האָבן דיינע טעג דעם תכלת שימער געקראָגן.

ווי אין ממרא׳ס פליינען ביי אברהמען,
האָבן מלאכים געוואנדלט אין דעם בלויען שאָטן;
ווי יהודי הלוי, — נאָך צארטער, —
האָט דיין פוס אויף ירושלימ׳ס ערד געטראָטן —

ווי רות צו בועז אין שייער אַריין,
אַ שטילע אינדין ווען אויף איר אינד טוט לויערן;
עס האָט דיך דיין קעניגלעכער שטערן
אהינגעפירט, צו ירושלימ׳ס טויערן.

כ׳געדענק פון לופּטשיק־פענסטערל ארויס,
מיטן פורפור פון דיין הארץ גאנצע נעכט אים געמאלן
געקלעטערט אַ גלעקל־צעקלינגט־קעמל,
צו דערטראָגן אים דורך די טיפסטע גליל־טאָלן —

דער טרויער דעמלט איבער אונז ביידע,
אַז אַ שוואַרצע חופּה ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן,
כ׳האָב גאַנצע נעכט פאר דיין פינסטער פענסטער,
די זון געטריבן מיט געפלעכט פון בייטשן קנאַלן — —



דער גייענדיקער קאראוואן געקלאנג,
און פאר דיין לופּטשיקל די טשאטעס ווייסע טויבן,
אויף מיינע ליפּן האָסט דו גאָט געזוכט,
אַלץ העכער און העכער ביז צום מוריה אויבן — — —

און ווען דיין קאָפּ אויף כותל־מערבי,
צווישן די אלע בעטנדיקע ער איז געלעגן,
ירושלים, ווי דאָס „כתר“־ליד,
איז צעפלאטערט געוואָרן מיט מלאכים פרעגן:

ווער איז זי, פון ווו קומט זי, איז זי נישט
די מאמע רחל פון קבר ארויסגעגאנגען?
אַזוי האָט דאָך דבורה אויסגעזען,
ווען זי געזונגען ס׳געזאנג פון אירע געזאנגען — — —

איז עס נישט פרינצלעכער אָפּשטאם־ צייכן,
מיט דינסטן פינזל ס׳פיינסטע שטריכעלע געצויגן,
דער צוק קרום אין געשנירל פון ברעמען,
ווי שארף געשפּיצטער פייל אויף ווייט־געשפּאַנטן בויגן?

אָ, דו „דער שווארצער שוואן פון ישראל“,
אונטערגעשאָסן שוין ביזט דו אַהערגעפלויגן!
עס האָט זיך גאָט אַליין פארליבט אין דיר,
און געטראָפן אין דיין הארץ מיט זיין פיילנבויגן.

דיין גאנץ לעבן דיינע איילבירט־אויגן,
צום הר־הזיתים ארויף האסט דו זיי געטראגן;
אין דיין בליק, דער מיגנינדיקער אויפבלי —
אויפגייענדיקע ירושלים־פאַרטאָגן.

פון איינגעשטילטע ווילדע כאַמסינען —
דער מדבר־האָניק־דופט אויף דיינע ליפּן!
אַז איך וועל קושן ירושלימ׳ס ערד,
מיט בענקשאפט פון דיין מויל מיין הארץ זיך צעכליפּן — — —

אָ, און אז איך וועל נישט זוכה זיין דערצו,
אויף מיין וועג שוין אהין איך וועל ווערן צעטראָטן,
וועט אויף הר־הזיתים שעפּטשן טרויריק,
אַ פּאַלמע מיט אייביק בלוי־בליענדיקן שאָטן.

## לעא קעניג

# דער „קאמפּראמיס“

איך וויל איצטער רעדן — און מען מוז, דאכט זיך, דעריבער רעדן — וועגן אַ קאמפּראמיס וואָס וועט בלייבן גלויב איך, קלאסיש אין דער נייסטער יידישער געשיכטע, אַזוי כאראקטעריסטיש יידיש איז ער, אזא יידישן טעם האט ער... און ניט איין יידישן טעם נאר אלע טעמים... אַ קאָמפּראָמיס וואָס שמעקט מיט „כצפיחת בדבש“ ממש. . . .

איך מיין דעם קאָמפּראָמיס בנוגע אַ קאטעדרא פאר יידיש צו וועלכן אייניקע פון אונדזערע אָנגעזעענע און אייגפלוסרייכע אינטעלעקטואלן אין ישראל האבן זיך דערקעלרט: „אַ קאַטעדרע פאר יידיש אינם ירושלימער אוניווערזיטעט; האָבן זיי זיך דערקלערט, יאָ, אבער מיט דעם תנאי אז סזאל צו דער זעלבער צייט, גלייכצייטיג, הייסט עס, פאראנשטאלטעט ווערן אַ קאַטעדרא פארן שפּאַנישן זשארגאָן“. . . .

נו, זאָגט אליין איז עס ניט אַ חריפותדיקער קאָמפּראָמיס, וואָס נאר שארפע יידישע קעפּ וואָס פארשטייען אַזוי גוט אלע פיינקייטן אלע ניואַנסן פון דער גלות־מענטאליטעט האבן געקענט אויסגעפינען?

סאיז אי נאכגעגעבן, אי אוועקגענומען. אי צו מפיס זיין די מער פאָלקיסטישע אינטעליגענץ; אי צו „אפּיזן“ די אלטע קנאים שונאי יידיש.. סאיז אַנ־עליה פאר יידיש און צו דער זעלבער צייט אַ ירידה... איר, גלות־יידן און אייערע „יידישיסטישע“ שרייבער און אינטעליגענטן ווילט דוקא האבן דעם כבוד מען זאל לייענען לעקציעס וועגן דער יידישער שפּראַך און ליטעראטור אינם באַרימטן העברייישן אוניווערזיטעט. וועלכער וועט מסתמא נאך פיל באַרימטער ווערן ווען ער וועט אָנהייבן פארשפּרייטן ליכט און וויסן איבער דער גאנצער וועלט — גיבן מיר עס אייך נאָך (וועד שמועסט אז סהאט זיך נאך געפינען אייערער אַ גביר וואָס פונדעווועט די קאַטעדרע) אָבער צו דער אייגענער צייט ווילן מיר איר זאָלט וויסן אז מיר באַטראכטן אייער יידיש אויך ווי אַ טויטע גלות־שפּראַך, ווי אַ גלות־זשארגאָן... און דעריבער שלאגן מיר פאר אַז איינצייטיג מיט אייער יידיש, מיט אייער זשארגאָן, זאל זיך עפענען אַ קאַטעדרע פאר דעם שפּאַנישן זשאַרגאָן... איינצייטיק ניט פריער און ניט שפּעטער... „פּריאָריטי“ האט קיין זשארגאָן ניט אין אונדזער נייער יידישער מלוכה.

* * * * *

איך ווייס ניט צו אסך אַזוי גערופענע יידישיסטן, אדער רופט זיי פּאָלקיסטן צו גאר גלות־אינטעליגענטן, וועלן זיך פילן באַליידיקט פון דעם קאָמפּראָמיס, אויב ער וועט טאקע אָפיציעל אָנגענומען ווערן פון דעם בילדונג מיניסטעריום אין ישראל. אפשר וועלן אייניקע פון זיי זיך פילן באַליידיקט און אַנדערע וועלן זיך אפשר פרייען מיט דער „עליה־ירידה“? מען קען נאך



נאך ניט וויסן. וואָרום ווער קען עס פאראויסזען די רעאגירונגען פון יידישע מוחות און הערצער צו אַזאַ דערשיינונג ווי א מארטירטע פאלקס־שפּראַך, וואָס אַזוי פיל פון אירע כמו־שטאלצע זין אין ישראל און חוץ לארץ, וואָס זיינען אין דער שפראך אויפגעהאדעוועט געוואָרן האבן זי, די שפראך, דעם זשארגאן, נאך מער פיינט ווי די שונאי ישראל...

ווי געזאָגט, קען מען ניט וויסן; און ווער קען עס גאר זיין אזא מבין אויף דעם מעכאניזם פון דער יידישער מענטאליטעט און פסיכיק?

וואָרום זעט ניט אויס דער קאָמפּראָמיס צו זיין שכלדיק, ראציאָנאל און אָביעקטיוו־וויסנשאפטלעך?

וואָס פארא „יידישיסט“, אויב עס זיינען נאך פאראן אסך אזעלכע, קען עס זיין געגן דעם אז ס'זאלן זיין נאך אנדערע קאטעדרעס פאר די אנדערע „זשארגאָנען“ אין דעם ירושלימער אוניווערזיטעט... די שטודיע פון פאלקס דיאלעקטן און זשארגאנען איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע קולטור־געשיכטלעך; און טאקע פאר זיך אליין: ווי שפראכן אנטוויקלען זיך און שטארבן אפּ.

און ווייטער איז דאך קלאר אז א פאלק וואָס וויל זיך קענען קען ניט איגנאָרירן סיי וועלכע פאַזע און אויסדרוק אין זיין געשיכטע...

אָבער ווי געזאגט, האט זיך געוואָלט איצט רעדן ניט אַזוי פון דער פּרינציפּיעלער זייט פון דעם קאמפּראמיס נאר פון זיינע יידישליכע טעמים און בייטעמים...

די עכט יידישליכע, גלותדיק־אַסימילאטאָרישע מורא פאר יידיש און שנאה צו יידיש אין געוויסע קרייזן אינם איצטיקן ישראל... א מורא און שנאה וועלכע קען ווערן געפערלעך פארן נייעם העברייִיש און פארן נייעם פאָלק ישראל.

סאיז א פּאַטאַלאָגישע מורא און שנאה, ווייל זי איז א שנאה צו זיך אַליין, און אַ ניט־טרויען זיך אַליין... אסך מאל דאכט זיך אז ווען אונדזער העברייִישע אינטעליגענץ אין ישראל און חוץ לארץ וואָלט געוועזן מער זיכער אין זייער גלויבן אין העברייאיש און אין דעם פארדייאונג־אפּאראט פון די יידישע מאסן, וואָלטן זיי אַזוי ניט מורא געהאט פאר דעם זשארגאן...

און דאס ערגסטע: זיי האבן מורא, זיי האבן קין צוטרויען ניט צו זיך אַליין: זיי האבן מורא פארן גלות אין זיך אַליין און זיי האלטן אין איין אַנטלויפן פונם אייגענעם שאטן; זיי האָבן מורא טאמער וועט יידיש פון זיך אליין „אַרויסרעדן פון זייערע העלדזער“ (ווי סמאכט זיך אָפּט) און זיי האלטן אין איין שרייען „היט זיך, היט זיך — זשארגאן עליך ישראל“. . . .

און סאיז אַ אלטער פסיכאלאגישער אמת: „דאס פארוואס דו האסט מורא וועט דיר טרעפן. געוויס איז נויטיק און געזונטער, ווי ווייט מעגלעך, איין שפראך זאל הערשן אין ישראל, און איך גלויב ניט אז סזענען נאך דא אזעלכע יידישיסטן וואָס זאלן זיין געגען דעם אז העברייִיש זאל ווערן, וואָס פארא אנטוויקלונגען זי זאל ניט מוזן דורכמאכן, די שפראך אין ישראל. . . .

אָבער דער אמת איז אז אין איצטיקן ישראל איז שוין ניטא קיין שפּראכן־

פראגע נאר... אַ שפּראכן־פּסיכאָז, וואָס שמעקט מיט גלות מיט גלות־קראנק־הייט. ווען די שפּראַך אויף וועלכער דער רוב פון די מאָדערנע העברייִשע — אַלטע און נאָך לעבעדיקע — שרייבער האָבן אויך געשריבן און אין וועלכער די עלטערע און יונגערע פירער פון ישראל האָבן זייערע בעסטע רעדעס געהאַלטן — ווערט מיט כּוונה אַראָפּגעפירט צו דער מדרגה און שטופּע פונם שפּאַנישן זשאַרגאָן — שמעקט עס שוין מיט נאַציאָנאַלער פּאַטאָלאָגיע און מיט עכטער גלות־מענטאַליטעט. . . .

* * * * *

היינט די אײלעניש יידיש שוין צו באַהאַלטן ווי אַ טויטע שפּראַך...

איך ווייס ניט צו עס זיינען נאָך דאָ צווישן אונדז אַזעלכע וואָס זאָלן מיט אָפּטימיזם רעדן וועגן דער צוקונפט פון יידיש... באַזונדער איצט נאָך דעם חורבן פונם מזרח־אײראָפּעיִשן יידנטום. . . .

אָבער אײלן זיך און זאָגן קדיש — אויב מען קען עס אפילו אָנרופן אַ קדיש — נאָך אַ פאָלקס שפּראַך דורך אַזאַ „קאָמפּראָמיס" מוז מען שוין זיין צו אַסימילאַטאָריש־גלותדיק־נאַציאָנאַליסטיש (און ווער ווייסט נאָך וואָס?) מען זאָל עס ווי געהעריק תּופס זיין... און מיר קענען זיך פאָרשטעלן ווי יידיש־ליד"־קלוג, כּמעט זשאַרגאָניסטיש עס האָבן אָפּגעזיפצט די דערפינדער פון דעם קאָמפּראָמיס — אַ קאָמפּראָמיס וואָס וועט בלייבן קלאַסיש פאַר דער איבערגאַנג תּקופה, אײדער מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק צו פעלקער גלייך.

---

## יורי סוויעטאָגאָר

## צוויי לידער

דורך פעלדער איך גיי אין אַ פרעמד־ווייטן לאַנד,
און ס'בלישטשן די שטערן אין הימלשער ווייט;
פון דופּטיקע גערטנער, ביים ברעג פונעם טייך,
אַ פייערל ווינקט צו מיר, ליכטיק, פאַרשייט...
און עמיצער שווימט
אַליין אויפן טייך
און זינגט הויך אַ ליד
אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

דורך פעלדער איך גיי מיט אַ שווערן געמיט,
און ס'בענקט די נשמה אַליין דאָ ביינאַכט...
נאָר קוק איך צו גוט; — איז ווי אין דער היים,
דער בלויער אָרום אין זיין נאַכטיקער פּראַכט.



די זעלביקע שטערן אין הימלשער הויך
אין ווייט־פרעמדן לאַנד...
און הער איך זיך צו צו דעם ליד, וואָס זיך גיסט
און כוואַליעדיק פליסט
אַראָפּ פון די בערג צו דעם זילבערנעם טייך,
דאַן קלאַנגען באַקאַנטע דערהער איך אַ סך,
יאָ, קלאַנגען פון פרייער און היימישער סטעפּ,
פון טרויער, פון פריידן און ליבע אָן שיער,
וואָס וועקן די בענקשאַפט און אומעט אין מיר...

מיט שווערן געמיט,
נשמה'דיק וואַך,
אין האַרץ קלינגט אַ ליד
אויף אַ פרעמדער שפּראַך...

איך גיי און איך טרוים אינעם חושך פון נאַכט: —
„די זעלביקע מענטשן אין פרעמדן אַרום,
די זעלביקע לידער אין נאַכטיקער פּראַכט,
די זעלביקע שטערן, וואָס טרייסטן מיך שטום...
פאַר זיי, פרעמדע מענטשן אין פרעמדן אַרום,
אַ ליד וועל איך זינגען פון מדבר'שער נאַכט."

דורך פעלדער איך גיי צום פאַרחלומטן טייך
און הויך זינג אַ ליד אויף מיין אייגענער שפּראַך,
פון היים און פון ליבע זי וויינט און זי זינגט
און תּאווה'דיק גיסט זיך, מיט אומעט זי קלינגט...
איך זינג!... און אַנטשוויגן ווערט ער אויפן טייך,
דער איינזאַמער שווימער אויף זילבערנער פלאַך...

מיט שווערן געמיט,
נשמה'דיק וואַך,
הערט ער איצט אַ ליד
אויף אַ פרעמדער שפּראַך!...

(פונעם רוסישן — **מאַקס הערשמאַן**)

---

נחום שטענצעל

# די וויכטיקייט פון אינפארמאציע

(צו דר. ש. לעווענבערג׳ס איבערנעמען פונם אינפארמאציע־דינסט פון דער יידישער אגענץ אין לאנדאן אלס ממלא־קום פון פרפ. ז. בראדעצקי)

נישט קיין יידישלעך וואָרט: „אינפארמאציע"; ס׳איז א ווארט וואס קלינגט... און צו ווערטער וואס קלינגען האבן זיך פשוטע יידן באצויגן מיט א געוויסן רעזערוו — אפילו אז מען פארשטייט דעם באטייט פונם ווארט, איז מען נישט זיכער מיט וואס עס שמעקט... אינם יידישן מוח האט זיך דאס וואָרט אינפארמאציע געפלאָנטערט מיט אַן׳אַנדער אינטערנאַציאָנאַל פרעמדווארט — מיט זיין נאנטן קרוב, וואס רופט זיך: פראפאגאנדע.

און מיר האבן געזען וואָס די אומות־העולם האבן דאס געמאכט א תל פון דעם ווארט אינפארמאציע — שוין אפגערעדט פון פראפאגאנדע. דער טייטש פון אינפארמאציע — לויטן ווערטער־בוך — איז: דערציילן, באקאנטמאכן די פאקטן. האבן די כיטרע גוים, אבער, עס אויסגעטייטשט אנדערשט: פאקטן — מהיכא תיתא, אבער נאר אזעלכע, וואס פאסן אריין אין די אייגענע קראם אדער קרעמל; און אפילו די וויניקע, וואס מען גיט שוין יא, קען מען זיי דאך אביסעלע באפארבן אויך—ראשית, באקומט עס דאך א פארב... והשנית, גלייכט עס אויך דער „דורכשניטלעכער קאנסומענט"....

* * *

מען קען נישט לייקענען אז נישט וויניק פון אונזערע יידן — די „פראגרעסיווע" מכל־המינים וואס לערנען זיך שנעל אויס די קונץ ביי „זיי" — האבן אויך אַ היפש ביסל זיך באנוצט מיט דעם אינסטרומענט פון אינפארמאציע — על פי הדרוש.

עס בלייבט אבער דאך א פאקט, אז נישט פארהאנען קיין געזונטערע זאך ווי גוטע, עכטע אינפארמאציע, לויטן אריגינעלן טייטש — פארציילן דעם גאנצן אמת, און נאר דעם אמת, אָן שום באפוצונג און באפארבונג. סוף־כל־סוף דינט מען בעסער די זאך גופא אויב מען געוויינט זיך צו דערציילן דעם אמת — אונטער אלע אומשטענדן, און דאס איז נוגע אפילו דעם המון־עם. דווקא אט דער דורכשניטלעכער קאנסומענט באזיצט א פיינעם אינסטינקטיוון חוש פארן אמת — אפשר מערער ווי דער אינטעלעקטועלער, ביי וועמען די פראָסטע חושים זענען שוין אַביסל אָפגעטעמפט. עס מאַכן דערפאר אַ פאַטאַלן טעות די איבערגעשפיצטע חכמים, וואָס מיינען אז דעם המון־עם קען מען אונטערטראגן וואס מען וויל, מען קען זיי קארמענען מיט אלעמען, אבי עס האט נאר אַ שיינע פארב. דאָס קען חל זיין בלויז איין מאל. אויך דער פראסטער מענטש קען געבן אַ לעק און אַ שמעק — און ער ווייסט שוין אלצדינג... אויב עס האט קיין ריח און קיין טעם, גיט ער עס אַ שפיי אויס און פטור — אויס קאנסומענט, מען בלייבט „ליגן" מיט דער סחורה...



דער דאזיקער אמת האט זיך ארויסגעוויזן — אין משך פון די לעצטע צענדלינג יאר — ביים ענגליש־יידישן ישוב. ווי נאך אין דער גארער וועלט האט די יידישע אסימילאציע געהאט אַזאַ, דוכט זיך, אומדורכדרינגלעכע פעסטונג ווי אין ענגלאנד. ווער וואָלט זיך געוואגט פאר יארן צוריק פאראויסזאגן אַז דאָ אין ענגלאַנד — דאָס קלאַסישע לאַנד פון „שתדלנים" יודאאיזם וועט אמאל, און אזוי גיך, ווערן איינגעפונדעוועט דער יידיש־נאציאנאלער געדאנק, וועט אזוי גיך רעאליזירט ווערן די ציוניסטישע כיבוש־הקהלות־לאזונג.

דאס איז געשען אדאנק דער אינטענסיווער און ענערגישער אינפארמאציע אין ענגלאנד, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאנען דער טרייער דינער פון יידישן פאלק — אדער ווי ער האט זיך אליין גערופן: דער שמש פון יידישן פאלק — פראפעסאר זעליק בראדעצקי, דער ווייטשעפל־געהאדעוועטער זון פון דעם רוסיש־יידישן טאטן. (אגב איז כדאי צו דערציילן דעם פאלגנדן אינצידענט: אין אַ געוויסן שבת, אהיימגייענדיק פון שול, אין סטאמפארד־היל, האב איך באגעגנט פראפ. בראדעצקי׳ס פאטער ע"ה, מיט נאך אַ ייד, מיינס א באקאנטער, וועלכער האט מיר פארגעשטעלט זיין באגלייטער מיט די ווערטער: „דאס איז פראָפעסאר בראדעצקי׳ס פאטער". מיין באקאנטער האט דא געכאפט דעם אמתן פסק פון דעם פרומען היימישן יידן: „וואָס" האט ער זיך אויף אים צובייזערט, „איך בין פראפעסאר בראדעצקי׳ס פאָטער? פראפעסאר בראדעצקי איז מיין זון, נישט איך בין זיין פאטער"... דאס איז אויך א ביישפיל פון ריכטיקער אינפאָרמאַציע...)

דערזעלבער פראפ. בראדעצקי האט אויך זוכה געווען צו ווערן ראש־הקהל פון דעם ענגליש־יידישן ישוב. טאקי מיטן כח פון אינפארמאציע — פונם כסרדיקן דערציילן דעם אמת, נאך אמאל און נאך אמאל. דאס זענען די פירות פון דעם „אינפארמאציע־דינסט פון דער יידישער אגענץ אין ענגלאנד". ממש איינגענומען די ענגליש־יידישע אסימילאטארישע פעסטונג פאר יידיש־נאציאנאלן געדאנק.

פראפעסאר בראדעצקי איז איצט געגאנגען ווייטער צו זיין ציל, זיך באזעצט אין ישראל, ווו ער האט איבערגענומען דעם וויכטיקן אמט פון פרעזידענט פון דער ירושלים׳ער אוניווערזיטעט.

* * *

די ארבעט מיט וועלכע ער האט דא אנגעפירט מוז אבער ווייטער אָנגיין. די נויטווענדיקייט פאר אנ׳אינפארמאציע־דינסט אין ענגלאַנד צו געווינען די יידן אין ענגלאנד — בפרט די יוגנט — פארן אויפבוי פון ישראל, סיי זייער „רכוש", סיי זייערע „נפשות" ווי עס האט זיך לעצטנס אויסגעדריקט א יידישער פירער, איז נאך ווייטער פארהאנען. בעיקר טאר נישט דערלאזט ווערן א גייסטיקע מרה־שחורה זאל ארומכאפן ס׳גלות יידנטום, אלס אַ פועל־יוצא פון א קולטורעלן תהום צווישן „ישראל" און עם־ישראל.

די דאָזיקע פונקציע האט איבערגענומען, פון פראפאסער בראדעצקי, ד"ר

ש. לעווענבערג, אַנ׳אָנגעזעענער יידישער פובליציסט און ביז אַהער רעדאקטאָר פון „זייאָניסט רעוויו״, אַנ׳אַלטער יונגער ציוניסטישער טוער, אַ ווארעמער ייד, וועלכער קומט נאך פונדערהיים, מיט א פארשטענדניש פאר אלע אמתע יידישע קולטורעלע ווערטן, מיט א קלארן קאפ, מיט א געזונטן חוש פאר פראפארציע — און בעיקר א מענטש וואס האלט — אז דער אמת איז די בעסטע מעדיצין, אפילו ווען זי איז אמאל אביסל נישט זער אנגענעם.

* * *

איינס פון די שוואַכקייטן פון יעדן בשר־ודם איז וואָס ער ווערט פון צייט צו צייט מיד און פארמאטערט, ספעציעל נאך א שווערער שטיקל ארבעט. דאס איז א טבע־זאך. עס שפילן דערביי אויך מיט פארשידענע פסיכאלאגישע מאמענטן, וועלכע מאכן דעם מענטש מער אפהעטיק.

ווען עס קומט אבער אזא מידקייט, בעת בלויז א האלב שטיקל ארבעט איז אָפגעטון געוואָרן — און ס׳איז פארהאנען די סכנה אז די גאנצע פראצע און הארעוואניע זאל גיין לאיבוד — איז מען מחויב אויפמערקזאם צו מאכן אויף דער געפאר. אט טראכטן זיך אסך יידן: ישראל איז געשאפן אין א מזל־דיקער שעה, ס׳וועט זיך שוין ווי עס איז אנ׳עצה געבן מיט די פראבלעמען.

דא איז עס דער חוב פון אנ׳אינפארמאציע־דינסט פון דער יידישער אגענץ צו אינפארמירן, דערציילן דעם אמת פון דער לאגע, דאס אנגענעמע מיטן ניט־אזוי־אנגענעמען — און פאדערן און וועקן דעם יידישען ציבור צו טון זיין פליכט, נישט צו לאָזן גיין לאיבוד, חלילה, די שווערע קרבנות, אין געלט און מענטשלעכע לעבנס, וואָס מען האט ביז איצט שוין געברענגט.

דערפאר אזוי גרויס די וויכטיקייט פון אינפארמאציע, און דערפאר אזוי וויכטיק אז זי זאל זיין אין גוטע ערלעכע הענט.

## אליהו פאלושאק

### ביכער אויפן טיש

(ביבליאגראפישעס)

עס דאכט זיך, אז עס איז אזוי איינפאך אנצושרייבן אַ בוך. מען ברויכט נור די דערלעבעניש אדער די וויזיע. מען זעצט זיך צום שרייבטיש, פארלאזט זיך אויף דער אייגענער עשירות אין שפראך, זאץ־בוי, טעכניש־סקריפטישער פינעסע און אינטואיציע, און אַ בוך ווערט פארטיק. און וואָס איז מכח שפראך? נישט יעדעס בוך קען ווערן געשריבן אין יעדער שפראך. די גראלס־לעגענדע, דאס טעמא „פארסיפאל״, מיטלאלטערלעך־קאטויליש־מיסטיש, איז מיטאל־טערלעך־קריסטלעך־אייראפייאיש און קען בשום אופן נישט ווירקן אויף א יידישן לייענער, ווען עס וואָלט געוואָרן געשריבן אין יידיש. עס פאסט פאר דייטש, פראצויזיש, ענגליש, שפאניש, פויליש, אָבער נישט פאר יידיש אדער העברייאיש. אַזוי איז עס אויך מיט ווייניקער וויכטיקערע טעמאס. זיי ברויכן



זייער אייגענע שפראך, אדער בעסער געזאגט: זייער אורשפראך, זייער אריגינעלן לינגוויסטישן לבוש, אין וועלכן זיי דערשיינען אויף גאָטס וועלטל פארן לייענער־פובליקום. קענט איר אייך דענקן „די קליאַטשע״ אין אַנ׳אנדערער אורשפראך ווי יידיש? אדער פרץ׳עס „חסידיש״ און פאלקסטימלעכע געשיכטן, די טעמאס און די שפראך זיינען דא פארוואַקסן צוזאמען, און נאר א גוטער איבערזעצער קען רעפראדוצירן (אבער ער מוז אויך האבן וויזיע און גרויס טאלאנט) די דאזיקס ווערק אין אנדערע שפראכן פאר נישט־יידישע אדער אסימילירטע לייענער, וואָס קענען נישט קיין יידיש.

ליגט ביי מיר אויפן טיש א ביכל פון 138 זייטן, צוגעשיקט פון דער „יידיש־היסטארישער קאמיסיע פון נידערזאקסן״ אין געטינגען אין דייטשלאנד מיט דעם זעלטזאמען נאמען „וואַכאָלדערס״, א יידישע פאמיליענגעשיכטע פון צבי האראוויץ געשריבן אין דייטש, ארויסגעגעבן פונם ייוואַ־(מיט אַ פתח און נישט מיט קיין קמץ) פארלאג אין געטינגען, געשריבן מיט גרויסער ליבע און ווארעמקייט מיט גרויסער באאבאכטונגס־פייאיקייט און הייסן דראנג, — און דאס ווערק פאקט מיך נישט, דערוואַרעמט מיך נישט, ציט מיך נישט אריין אין דער היימישער סביבה פונם פויליש־יידיש לעבן פון אמאל, ווייל עס איז געשריבן אין דייטש. עס העלפט אויך נישט די בולטע אינטימיטעט אין סטיל, דאס בוך ווירקט אויף דייטש באַרבאריש־פרעמד. און אזוי ווי די פאמיליענגעשיכטע פון די וואכאלדערס, פון דער אשת חייל שפרינצע מיט איר געראטענע קינדער און אייניקלעך שפילט זיך אָפּ אין זבידינאוו ביי ראזוואדאוו אין גאליציע, וואלט איך געקענט זאגן, אז אין דייטש ווירקט דאס בוך „טויטאניש־גאליציאניש״, א פרעדיקאט, וואס עקזיסטירט גארנישט אויף דער וועלט, און אויב עס האט אמאל יא עקזיסטירט, איז עס געקומען אויף אומוועגן אדער קרומע וועגן מיט דער הילף פון ארנאלט בראנען, (א דעגענערירטן אפּאסטל פונם גערמאנענטום צווישןביידע וועלט־מלחמות), א געשמדטן אייניקעל פון א גאליציאנער רבנישער פאמיליע.

אויף זייט 4 לייענען מיר: „א לינדע באצייכענט די שטעל און שפרייט אויס די צווייגן איבער דעם קרייץ פון יעזוס פון נצרת, אויף וועלכן עס הענגט אויך א מיט בלומען באפוצט בילדל פון דער הייליקער מאריא״ (מיין איבערזעצונג א.פ.) דער געאיבטער יידישער לייענער ווייס, ווי אזא זאץ וואָלט געוואָרן אויסגעדריקט פון א ווייסענבערג, יואל מאסטבוים, אפאטאשו און אנדערע.

וואסער טעם האט עס, ווען אזא היימיש שפריכווערטל ווי „טי מווו, א יא זדרווו״ ווערט איבערגעזעצט אין דייטש: „רעדע דו נור; הויפזאכע, איך בלייבע געזונד!״ אדער ווען מען נעמט אזא מין יידיש טאנץ־פאלקסלידל, ווי:

> נעמט די באבע אט די אייער,
> אוי, איז דאס א מופת,
> לייגט אויף זיי ארויף די קוואקעס,
> האט זי שיינע עופות,

און איבערזעצט עס אין פאלשן האלדערשטרויך־דייטש.

„וואכאלדערס“ באזיצט פיל ווייכקייט, סענטימענטאליטעט און די קליינ־בירגערלעכקייט פון די אמאליקע דייטש־יידישע טאנץ־און קאפע־קרענצלעך. דער מחבר, צבי האראוויץ, שרייבענדיק דאס דאזיקע בוך אין דייטש, טאנצט אויף א פרעמדער חתונה. די באגעבענהייטן, פאסירונגען, כראניקן און דער־אינערונגען האט דער מחבר דערלעבט אין דער יידיש־פוילישער סביבה, ער האט דאס אלץ דערלעבט אין יידיש, אויף יידיש, זאל ער זיך אליין פארשאפן א תיקון און געבן די „וואכאלדערס“, דער יידישער פאמיליענגעשיכטע, א יידישן לבוש. מיר האבן צייט, מיר קענען וואַרטן.

שוין גאר יידיש, לעבעדיק און לוסטיק, צעכראסטעט, פשוט אויפגעמאכט דאס טירל צום הארצן, זיינען צוויי בענדער „ברשית פון מדינת ישראל“ פון יעקב באטאשאנסקי, איינעם פון די אלטע מוסקעטירן און וועטעראנען פונם יידישן זשורנאליזם און פובליציסטיק אין ארגענטינע. צוויי בענדער רע־פארטאזשן פון דער חבלי לידה פון דער איצטיקער יידישער מדינה אינם אמאליקן פאלעסטינע. „איז געפלויגן א ייד א שרייבער קיין ארץ ישראל זען „בראשית“. און ער האט טאקי געזען „בראשית“, זיינע אויגן האבן געזען, זיינע אויערן האבן געהערט, זיין חוש האט׳ס פארנומען, זיין הארץ האט׳ס מיטגע־פילט, זיינע רמ׳ח איברים האבן׳ס מיטדערלעבט, אלץ מיטדערלעבט: די מדינה און די מלחמה, די הכרזה פון דער מדינת ישראל, דאס וואכעדיקע און שבת׳דיקע לעבן דארט, דאס פילזייטיקע גייסטיקע לעבן, די גייסטיקע כחות, דעם קאמף צווישן נעכטן און היינט, העברייאיש טעאטער און העברייאישע פרעסע, די שוואַכע פּאָזיציע פון אונדזער מאמע־לשון יידיש (און דאך איר וויכטיקייט פארן גאנצן ישוב דארט), דער קאמף פון דוד קעגן גלית, ווי אזוי מענטשן ארבעטן, ליידן און זינגען, — אלץ אויספירלעך באשריבן, מאנכמאל אביסל צו ברייט און צו אויספירלעך, וואָס פאסט גוט פאר אזא ווארעמען מענטש און ייד, ווי יעקב באטאשינסקי מיט זיין ווארעם ברייט הארץ און מענטשלעך־צעשמאָלצענעם געמיט. זיינע צוויי ביכער „בראשית פון מדינת ישראל“ זיינען גוטער לייען־מאטעריאל.

מער ווי גוטער און אריגינעלער לייען־מאטעריאל איז דר׳ ח. סלאוועס „המנס מפלה“, אפשר די בעסטע און מאדערנסטע (פארוואס אפשר? פרעג איך זיך אלס לייענער?) אינטערפרעטאציע פונם יידישלעכן פורים־שפיל אדער „קיניג אחשורוש“. עס איז אַנ׳אמת פאלקס־שפיל אין פיר אקטן, וואָס האט אנגעמאכט א גרויסן רושם אויף דער יידישער בינע אין פאריז. איבער אזא פאלקס־שפיל ברויכט מען נישט צו שרייבן קיין לאנגע רעצענזיעס. אזא פאלקס־שפיל מוז ווערן איינלשטודירט אן שום צוגעגעבענע פוילע וויצן און זייטיקע, „שמד־שטיקלעך“ פון א גוטער ערלעכער טעאטער־גרופּע, און גע־וויזן ווערן פארן יידישן עולם דא אין לאנדאן און די פראווינצן אזוי לאנג ביז עס וועט זיי מאוס און נמאס ווערן.

און דאמאלס וועט דר׳ סלאוועס אנשרייבן אנ׳אנדער שטיק.



# י. ה. לעווי

## „יידן אן געלע לאטעס“

(איבער ה. סמאליארס בוך)

איך וויל באגריסן די בויער פון נייעם יידישן פוילן מיט זייער פרעסע, טאטער, שול, די דריימאל אין דער וואכיקע יידישע ראדיא־שעהן און זייער פארלאגסוועזן מיט דעם היפשן ביסל וואָגיקע ביכער וועלכע זיי האבן שוין באוויזן ביז אצינד ארויסצוגעבן.

איך וויל דא פרווון אין א סעריע פון קורצע רעצענזיעס צובאטראכטן די דאזיקע ביכער און טאקע מאכן א שהחינו איבער הערש סמאליארס סקיצן: „יידן אן געלע לאטעס“. ארויסגעגעבן פונעם פארלאג „יידיש בוך“ אין לאדזש 1948 ווייל דאס זענען נישט נאר פארוויילונגט־סקיצן, נייערט אויך אָנגעזאָפּט מיט א טיפן גליענדיק מענטשלעכן אינהאלט. און א סך פון זיי קלינגן טאקע וואלט איך מיר דערלויבט צו זאגן: ווי ימים נוראימדיקע שטיקער פיוט. פאר־פולט מיט נשמה ציטער, התלהבותדיקע קדושה; וועלכע זענען נישט נאר עלעגיעס פונעם פארצווייפלטן אונטערגאנג — נייערט אויך פייערדיקע דא־קומענטן פון א רעוואלוציאנערן פאטאס, איבערמענטשלעכן הערויזם פון א אומצעבראכענעם אייזערנעם ווילן. דאקומענטן — פון גרעסטן און העכסטן מענטשלעכן שטאלץ, טאפפערקייט, געטרייקייט און אמונה אן דעם ליכטיקן לעבנס־מארגן אפילו אויף די טונקלסטע טרעפן פון פארניכטונג און טויט...

ה. סמאליאר האט אין זיינע סקיצן נישט נאר געזוכט צובאפרידיקן דעם טיף אויפגעשוידערטן און שווער פארוונדיקטן קינסטלער, נייערט אויך דעם אויפגעשוידערטן מענטש און ייד מיט דעם גאנצן קאשמארדיקן פארפעסטיקטן מיליע ארום זיך. די אנגעזאפטע ספערע מיט בלוט, פייער, רויך, יללות און לעצטע אטעמס פון די אומגעקומענע העלדנמאַרטירער, — דורך די פאר־ווילדעטע, סאדיסטישע און בעסטיאלישע פייניקער זייערע.

דאָס קליינע סקיצן ביכל איז א וויכטיקער צושטייער צו די אלע עינויים קשים וואָס אונדזערע ברידער האבן געהאט אויסצושטיין: בימי היטלער — פון זיינע משרתים און יוצר משרתים ימח שמם, וזכרם!

אין דעם סקיצנביכל ראנגלט זיך ה. סמאליאר מיט רעפארטאזש און קונסט. נאר ווי קאן עס דען אַנדערש זיין ווען די וווּנד איז נאך אזוי בלוטטריפנדיק און נישט פארהיילט?

דאך פילט זיך אפט פון זיינע שילדערונגען ארויס — די אומיטלבארע אויפאדערונג, דער מוט און שרעק, די טיפע דערוואַרטונג פאר דער גרויסער אקציע, וואָס קאן נאר דורך אמתער קינסטלערישער אינטואיציע אנטפלעקט ווערן....

און דאס נאר דערפאר, ווייל סמאליאר זוכט נישט די שפּאַנונג אין זיין שילדערונג, נייערט די טיפע איבערלעבונג, — וואָס איז נישט נאר אויסן דעם אמת פון דער דערהויבנקייט, נאר אויך די דערהויבנקייט פון אמת...

טיילמאל ווירקן זיינע שילדערונגען אויך אזוי אויף אונדז; ווי רויע אָפּגעריסענע שטיקער לעבנס פונעם אוראלטן עץ החיים, — וואס דער פינסטערער שטורעם האלט פון תמיד אן אין איין פליקן זיינע בלעטער און ברעכן זיינע צווייגן, איז אבער קיינמאל נישט אזוי שטארק אויף צו קאנען אויסוואָרצלן זיין אייביקן שטאם. . . .

ווייל נישט דער איינצעלנער פארטיזאן איז סמאליארס העלד, נאר אלע פארטיזאנען. דערפאר דאס אַזוי אקייגנשטעלן זיך מיט אלע זיינע פארצווייפעלטסטע מיטלען אקייגן דער פינצטערניש, גליוועך און דעם אומקום אין אלע בונקערס און מלינעס. ה. סמאליאר זוכט אויך איינצוהויכן אין יעדן זיך נאך רעגנדיקן נערוו דעם גליענדיקן ניצוץ פון האפונונג, — וועלכער איז דער וויכטיקסטער לעבנוויטאמין פאר יעדן גוף און נשמה, אפילו אין די מאוימדיקסטע מאמענטן פון יעדן מערטירער און העלד...

און אט פון דעם דאָזיקן קינסטלערישן רעפּארטאזש, אדער פון דער רעפּארטאזשיסטישער קונסט — ווייעט ארויס אַזויפיל באגער צום לעבן, אזוי פיל איבערמענטשלעכע איבערווינדונג; און אלעס נאר צוליב דער גרויסער דערוואַרטונג, פון יענעם ליכטיקן געוואלטיקן מאמענט נאך דער געגארטער און אויסגעבענקטער באַפרייאונג...

דער רעוואלוציאנערער אימפּעט פון ה. סמאליארס סטיל, זיין עלעמענטארער שילדערונגס־כח, און דאס תמיד וועלן פסיכאלאגיש אריינדרינגען אין זיינע העלדנס ליבע, סכנה, אויפאפערונג, מוט און דערשלאגנקייט, — וועלכע פאכעט כסדר איבער יעדן ריר און באוועג פון זייער לעבן; מאכט דאס אזוי קערנדיק און רייף זיינע סקיצן.

און דערפאר ווערן מיר טאקע געוואויער פון דעם נאר 113 זייטלדיקן סקיצנביכל: „יידן אן געלע לאטעס" — פון דעם גאנצן רעוואָלוציאנערן אומדערשראָקענעם קעמפערישן געראנגל, פון די אין געטא געשליידערטע פרייע העלדן און פארטיזאנען; וואָס נישט דער גרעסטער שרעק, די טיפסטע דערנידריקונג און די שוידערדיקסטע פיינונגען, זענען געווען ביכולת צוצעברעכן זייער גרויסע מאראל און זייער דערהויבענעם פרייען גייסט...

סמאליארס שפּראך איז שארף, דאס בילד איינדרוקספול, מחמת סאיז געמאלן מיט די אויסטערלישע פארבן וואס דאס מאוימדיקע לעבן האט אזוי גרויזאם באשאפן. עס איז דא נישט מעגלעך איבגאנצן איבערצוגעבן הערש סמאליארס רייפן סטיל, פון זיינע אדורכגעשוידערטע און טיף איבערגעלעבטע סקיצן.

זאלן דא נאר ציטירט ווערן אייניקע פסוקים פון דער סקיצע „א נאכט אין וואלד" כדי צוזען אויף וואסרע אופן דער דיכטער שילדערט די געמיטשטימונג פון זיין העלד: „די געטא־יידן".

„במשך פון די אלע מעת־לעתן פון שלייכן און גנבענען זיך פארביי פעלדער און דערפאַר, פאַרביי פארלאָזענע כוטארן און קוים מערקבארע פוס־טריט אויף זייטיקע שטעגלעך האט דאס הייפל יידן, וואָס האט איצט, אין דער



תושכדיקער הארבסטנאכט געבלאנקעט איבערן וואלד, פון קיין שרעק נישט געוווסט. סאיז געווען אימפּעט בעתן „ציען" פון אַ געדאכטער געפאר, ס'איז געווען מידער יאוש, ווען מיטן ביסל סם אין האנט האט זיך געדוכט, אז שוין אן עק — דער שונא איז לעבן דיר און כאפט דיך אן גלייך ביים האלדז. קיין שרעק איז אבער דאס נישט געווען".

און צום סוף נאך א פאר ציטאטן פון דער סקיצע: „דער קאנצערט" אין וועלכער ה. סמאליאר שילדערט א מוזיקער־פּארטיזאן נאכן אפרוימען א „פּאַליציי־פּאָסט", וואָס האט זיך אריינגעכאפּט אין א דארפישער כאטע — אויסזעענדיק ווי אַ פּאלאץ צו זוכן באטעלטעניש דערבליקט אין א ווינקל א קלאַוויר און מיטן אויסגעשטרעקטן פיסטאלעט אין האנט ווארפט ער זיך דערויף. דערזעט אויך אַ יינג מיידל און טוט א שטילן פרעג ביי איר: „איר וועט דערלויבן"? און ווי נאר ער האט א ריר געטאן מיט די הענט איבער די קלאַווישן, — איז דאס צימער באלד פול געוואָרן מיט קלאנגען, פון וועלכע סהאָט גענומען אויסוואַקסן א ליד, וואָס אט טראגט עס ברויזנדיקן כעס, אָט ווערט עס מילד, גלעטנדיק, כדי באלד אויפצוגיין אין א ווייגעשריי, אין אדראענדיקן רוף. . . .

און בעת ביל דערפילט דאס ווייכע מוסרן פון זיינס אַ חבר: אז ס'איז נישט די צייט צו קאנצערטעווען ווען פּאָליציייען זענען נאך דא פארשטעקט, — ווערט דער פארשוויגענער מוזיקער ביל רעדעוודיק פאר אלע יארן. . . .

„אָ, מען דארף האבן אן אויער און אויפכאפּן און דערהערן דעם אמת אין קלאנג! צי איז דען נישט דער זין אפילו אין אונדזער היינטיקער „אפּעראציע" די שטרעבונג צו הארמאניע, עס זאלן אין אונדזער לעבן קיין פרעמדע קלאנגען זיך נישט אריינכאפּן?"...

אַזוי דערפילט הערש סמאליאר די מוזיקאליטעט פון אלע לעבנס און קאמפּסאקציעס ארויס, און זוכט איבעראל הארמאניע. ער מוז אבער אויך פארשטיין אז ווילנדיק שפּילן א גרויסע סימפּאניע, — מוז אפילו דער גרעסטער מוזיקער נאך מאמענטן אין אכט נעמען דעם דיריגענט... מחמת נאר אין אַ צוואנגלאזער דיסציפּלין, — אדער אין א דיסציפּלינירטער צווינגלאָזיקייט קאן די געוואלטיקע מענטש באפרייענדיקע און אויסלייזנדיקע סימפאניע אויסגעשפּילט ווערן". . . .

אַזוי ווייעט מיט לעבענדיקייט, וואַרעמקייט און טיפע אינטימיטעט פון דעם רוב סקיצן אויף אונדז.

„מיין טאטע דער סופר"
און אַנדערע פּאָעמעס
א ניי בוך פון יוסף הלל לעווי
פּרייז 21 שילינג
צו באַקומען אויף דעם אַדרעס:
M. LEW, 3, Hodford Road, N.W.11.

## אפרים טויבענהויז (ישראל)

# העברעאישער דיכטער אין ישראל שטארבט אין סאמע מיטן בלי פון זיין דיכטערישן שאפן

אין עלטער פון 50 יאָר איז אין תל אביב געשטאָרבן איצט שמואל באס, דער ישראל־געבוירענער דיכטער, וואָס האָט אין משך פון 25 יאָר ארויסגעבראכט מיט דער גארער פשטות און מיט חן די שיינקייט פון לאנד פון אונזערע טרוימען.

באס איז נישט געווען קיין דיכטער פון קיין שיכט, נאָר פונם פאָלק. אין זיינע לידער ביכער „אדם" און „חופים", אין זיין ראָמאַן „ערא" און אין זיינע פאָעמען האָט ער שטענדיק ארויסגעבראכט דעם שטילן טרויער פונם יחיד.

אָט זע איך אים ווי ער שפאנט איינער אלייןביים שפת הים אין תל אביב, קוקט אויף די מעכטיקע כוואליעס, צומאָרגענס לייען איך שוין אין צייטונג זיין ליד, וואָס דריקט אויס זיינע איינדרוקען.

ווי אַ דיכטער, וואָס איז פארוואָרצלט אין דער יידישער טראדיציע פון דורי־דורות האָט באס אויסגעדריקט יידישע בענקשאפט. אין זיין לידער בוך „אדם" ווערט דער מענטש ביי אים פארגליכן צום בוים „כי האדם עץ השדה". זער שיין ווערט געשילדערט אין זיינע לידער די ארץ ישראלדיקע לאנדשאַפט ווי ביי יעקב פיכמאן און דוד שמעונוביץ, שילדערנדיק די פלארא פון לאנד הויכט ביי אים דער אָטעם פון לעבעדיקע באשעפענישן און וועקט און אנטפלעקט אויך דעם בארגיקן שטורעם פון אימפעט און מענטשלעכער באוועגונג.

„איר זוניקע בערג פון כנען פול מיט קאָלירן און קלאנג
איר קלעטערנדיקע פעלזן. טראָגט דעם וויי פון טרויער און לייד
אין באגינען געבוירן
טראָגט די ווערטער פון וועג און שטיין
בארג און שטראָם
בוים און שוואָם.

שמואל באס איז געווען אויך דער באזינגער פון די „בעלי חי" אין ארץ ישראל. מען געפינט ביי אים לידער וועגן קעמלען, אייזלען און הינט.

אָט איז אַ ליד זיינער מיטן נאָמען „מיין הונט":

כ'בין אַ ברודער פאר אָט די וואָס בילען אין חלל
און פונקט ווי איך, זיי פרעגן
ווער איז?

אין בליאסק פון דיינע אויגן, מיין הונט —
דער חן פון זיבען הימלען.
קלאַפּ אָן־זשע מיטן פיסל אויף מיין הארצן —
און איך עפן.



נעם, מיין הונט, גריזשע די ביינער פון מיין אומעט
מיט דיין וואָיען!"

ש. באס האָט אויך געהאט אן אָפן אויער זיך צוצוהערן וואָס דער חלוץ זינגט:

אַ גאָלדיק־גרינער האָניק וויגער
ס'טוט זיך פארבייטראָגן
טוט אַ פאך מיט גאולס נס:
זינקען פוס אין וואַרעמען זאמד
וואָס צעשיט זיך
אַזוי זינקט אין אייביקייט — דער גאולה־נס
און די אויגן מיט ווייטע פארלאנגען זיי ווינקען
און טריט פון שטילקייט זיי זינקען...

## א. מייזלס

# יוסף שערמאן ע"ה

דער וועטעראן און פיאָניר פון יידישן טעאַטער יוסף שערמאַן, איז פון אונדז אַוועק, איינער פון די נאָך ווייניג איבערגעבליבענע וועטעראנען, וועלכע זיינען געשטאנען ביים וויגעלע פון יידישן טעאַטער, די אַזוי גערופענע גאלדפאַדען תלמידים.



דער שוישפילער און וועטעראן פון יידישן טעאַטער מאָריס אַקסעלראָד, וועלכער איז צוזאָמען מיט יוסף שערמאַן געווען כמעט פון ערשטן ביז צום לעצטן טאָג פון זיין טעאַטער קאַריערע, האָט מיר איבערגעגעבן עפיזאָדן און איינצעלהייטן, וועלכע זיינען שטענדיק פון ווערט פאר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

יוסף שערמאַן איז געבוירן אין יאסי, רומעניע. לויט זיינע פאַפּירן איז ער אלט געווען 70 יאָר. אלס קינד פון זעקס יאר, האט ער געשפילט אין דער אָפּערעטע „עתליהו", דעם זון פון שאול המלך, יהונתן. אזוי ווי אָבער מען פלגעט אָנהויבן זער שפעט אין אָוונט צו שפילן, איז ער ביים שפילן אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן טראָן....

ארום 1890 האָט שערמאַן צוזאמען מיט אקסעלראד, אנגעהויבן צו שפילן ביים דרעקטאר מרדכי סינאלעסקו אין יאסי, ביי דער „עלילת דם פיעסע „טיסא עסלער", געשפילט האט ער די הויפטראל פון דרייצן יאָריקן מאריץ שארף, וועלכער באשולדיקט זיין פאטער אין עלילת דם בילבול, אקסעלראד האט געשפילט זיין חבר.

אין יאר 1895, ווערן זיי ביידע „טעאטער אונטערנעמערס" און בויען אַ בינע אין שלום שייקעלעס גארטן אין קלעזמערישן געסעל אין יאסי. צווישן אַנדערע אַקטיארן זיינען געווען יעקב שמואל ראזענשטיין, דוד באראַץ, משה

זיגלער, דער דאַמאָלס שוין עלטערער העברעאישער לערער ז. עלאָמן־הזמן. אויפגעפירט האָבן זיי גאָלדפאַדענס „משיח צייטן“, אקסעראָלד האָט געשפּילט זיין קרוין ראָל „יאַנטעל שנאָרער“ און שערמאַן האָט געשפּילט „ישראל יאַנדערמאַן.

אין דעם זעלביקן סעזאָן איז ביי זיי ארויסגעטרעטן זיגמונד מאָגולעסקאָ. דעם ערשטן אָוונט פון זיין ארויסטריט האָט דער עולם ביי יעדן ארויסטריט פון אַן אקטיאָר אויף דער בינע, געמיינט אז דאָס איז מאָגולעסקאָ און זיי האָבן אים אויפגענומען מיט אַן אַפּלויז. זיי האָבן אַזוי לאַנג אַפּלאָדירט יעדן אקטיאָר, ביז עס איז זיי נמאס געוואָרן און ווען מאָגולעסקאָ איז ארויס געקומען האָט דער עולם ניט געפּאַטשט, מאָגולעסקאָ האָט געחלשט....

פון יאַסי האָט זיי אין דעם אייגענעם יאָר יעקב און ליזאַ זילבערט „ארויסגעגנבעט“ און זיי זיינען געפאָרן שפּילן קיין פּאָדאָלוי, קיין יאַסי זיינע זיי אַלע שוין צוריק געגאַנגען צו פוס.

דאַן זיינען זיי אַריבער צו אברהם גאָלדפאַדענס טרופּע וועלכע איז באַשטאַנען פון בראַנדעס, שראַמעק, עסקרייז,האַרט, סיגאַלעסקאַ, טרייטלער און זיין טאָכטער מאַלווינאַ די שפּעטער באַרימטע מאַדאַם לאָבעל און פערלמוטער דער מוזיקער. ביי גאָלדפאַדען האָט שערמאַן געשפּילט אַלע יוגנטלעכע קאָמיקער און אקסעלראָד די כאַראַקטער ראָלען.

אין יאָר 1898, האָט קלמן יובעליר איבערגענומען דעם „צירק סידאָלי“, נאָכדעם ווי די גאָלדפאַדען טרופּע האָט זיך אויפגעלעזט. דאַן זיינען זיי אַוועק מיט יעקב זילבערט, זיין שוועער ראָזענבלום, קאַנער און פרוי, אנטשל שור קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיי זיינען געווען אין דערזעלבער צייט ווען הרצל ז״ל איז געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זיי האָבן געשפּילט אין גאָרטן פון האָטעל „פּעטי שאַם“ וואו הרצל איז איינגעשטאַנען.

אקסעלראָד דערציילט מיר, אז דאַמאָלס איז דער דייטשער קייזער ווילהעלם אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל, אָפּגעטרעטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. הונדערטער מענטשן זיינען געווען ביים פּאָרט און ער איז אויך געגאַנגען. ווען די קאַנאָנען האָבן געגעבן דעם ערשטן סאַלוט שאָס, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אז ער האָט אָנגעהויבן צו אנטלויפן, אַזוי ווי אָבער ער האָט געטראָגן אַ „האַווילאָק“, אַ ברייטן הוט און אַ גרויסן שניפּס, איז פּאָליציי אים נאָכגעלאָפן, מען האָט אים ארעסטירט אלס אַנאַרכיסט און ער איז געזעסן 17 שעה. ביים באַפרייען אים האָט מען אים געגעבן אַ גאָלדענעם סאָווערין (אַ טירקיש פונט).

דאָרט האָבן זיי זיך צושייד. שערמאַן איז געפאָרן קיין גאַליציע מיט פּאָול מוני׳ס פאָטער. אַזוי ווי זיי האָבן ניט געהאַט קיין פּאַספּאָרטן, האָבן זיי געגנבעט דעם גרעניץ ביי באָרדאַזשען־איצקאַני.

אין 1899 האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט אין טשערנאָוויץ. פּראָפעסאָר האָראָוויץ האָט אַגאַנזשירט אקסעלראָדן קיין אמעריקע, אַזוי ווי אָבער ער האָט געהאַט אַ שוועסטער וואָינען אין מאַנשעסטער, ענגלאַנד האָט ער זיך ארויס־



באַדינגען, אז זיין שיפס־קאַרטע מוז גיין דורך ליווערפּאָל. אָנקומענדיק צו זיין שוועסטער, האָט ער ביי איר געבאָרגט „עטלעכע פונט, געבראַכט אַ טרופּע מיט שערמאַן און מאַדאַם לובעל און אָנגעהויבן שפּילן אין מאַנשעסטער יידיש טעאַטער און טאַקע באַלד געפּטרט דאָס ביסעל געלד... פון דאָרט איז שערמאַן געקומען קיין לאָנדאָן און די טרופּע האָט אָנגעהויבן צו שפּילן מאַטינעס אין פּאַוויליאָן טעאַטער.

אין יאָר 1908, נעמט דזשייקאָב פּ. אַדלער אַריבער יוסף שערמאַן אין „טהאַליאַ טעאַטער“ ניו יאָרק, און אנטשל שור שרייבט פאַר אים די אָפּערעטע „שיר השירים“, שערמאַנס נאָמען האָט געלויכטן מיט גרויסע אותיות איבערן טעאַטער אין ניו יאָרק. דאָס צווייטע מאָל נעמט אים טאָמאַשעווסקי קיין טשיקאַגאָ. פון אמעריקע פאָרט ער קיין פּוילן און דאָרט טרעט ער ארויס אין „לוסטיקן פויגעל“ און „באָרג מיר דיין ווייב“. ער קומט צוריק קיין לאָנדאָן וואו ער שפּילט מיט פיינמאַן און מאָשקאָוויטש. אין 1912 פאָרט ער מיט קלאַראַ יאַנג קיין פּוילן. אין 1914 עפנט ער דעם פּאַוויליאָן טעאַטער, ער שרייבט אָן אַ מלחמה פּיעסע אונטערן טיטל ‚מלחמה 1914“. עס איז געווען אַ גרויסע ספּעקטאַקעל פאָרשטעלונג, מיט סאָלדאַטן און נוירסעס און די מיליטער קאָמאַנדע האָט יעדן אָוונט געשיקט הונדערט און צוואַנציק סאָלדאַטן מיט דעם גאַנצן מלחמה־באַגאַזש.

נאָך דער מלחמה האָט שערמאַן געשפּילט מיט דעם שוישפּילער בוזעט אין פאַרשידענע מוזיק־האָלס, אַן ענגלישן אַקט און דאַן האָט ער געעפנט דעם טעאַטער „גראַנד פּאַליי“ וועלכער עקזיסטירט ביז היינט.

יוסף שערמאַן האָט זיך זיין גאַנץ לעבן באַצויגן מיט שטאַרקער ליבע און גרויס דרך ארץ צו די ברעטער פון טעאַטער. ער האָט שטענדיק באַהערשט דעם טעקסט און ניט געוואַרט אויפן סופליאָר. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו שפּילן גאָלדפאַדען, ער האָט אַלע גאָלדפאַדען פּיעסן מיט דער מוזיק געדענקט פון אויסנווייניק און ווען מיר האָבן געפייערט אַ גאָלדפאַדען־געדענקען, האָט שערמאַן מיטן פּראָגראַם אָנגעפירט. ער האָט געשפּילט טעאַטער ביז אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, „לא כהתה עינו ולא נס לחה“. אַ נאַכט פאַר זיין אָפּלעבן, האָט ער נאָך צונויף געשטעלט דאָס פּראָגראַם פאַרן ערן־אָוונט לכבוד זיין פרוי.

אַ וועטעראַן און אַן ערלעכער קינסטלער איז פון אונדז אַוועק. דער יידישער עולם איז געקומען אין גאָר גרויסער צאָל אים אָפּצוגעבן דעם לעצטן און ערלעך פאַרדינטן כבוד. דאָס יידישע טעאַטער אין לאָנדאָן האָט פאַרלוירן אַ גאָר שטאַרקע שטיצע און נאָך גרעסער זיינען זיינע פאַרדינסטן, וואָס אין די זומער חדשים פלעגט ער אַרום פאָרן אין די פּראָווינץ שטעטלעך אין וועלכע מען הערט שוין היינט ניט מער קיין יידיש וואָרט און זיי דערמאַנט, אַז יידיש לעבט נאָך.

זיין אָנדענקען וועט שטענדיק בלייבן לעבעדיק, סיי ביים עולם און סיי ביי זיינע חברים.

# צוויי געטרייע חברים

(נעקראלאג.)

דעם 19־טן יולי האבן מיר פון לידז דערהאלטן די טרויעריקע ידיעה, אַז דער לאנגיאריקער סעקרעטאר פון לידזער קולטור־צענטר, חבר וואלף ריפקין, איז נאך א לענגערער קראנקהייט געשטארבן. וואלף ריפקין איז געוועזן א שטילער און פשוטער מענטש, א הארעפאשניק, וואס איז אין זיינע יונגע יארן געקומען נאך ענגלאנד צו זוכן גליקן. ער האט זיין גאנץ לעבן געארבעט זייער שווער און האט קיין מאטעריעלע גליקן נישט געפונען. ער האט אבער מיטגעבראכט פון זיין יידישער היים און סביבה, פונם אמאליקן וויטעבסק, ארענטלעכקייט און ערנסטקייט, ליבע צום יידישן ווארט און א גוט הארץ צו וועלן קעמפן פאר א שענערע און בעסערע וועלט, פאר א פרייען ייד און א פרייען ארבעטער. ער האט ליב געהאט יידישע ליטעראטור און יידישע ביכער נישט ווייניקער, ווי א געטרייע מאמע האט ליב אירע געראטענע און נישט־געראטענע קינדער. מאנכמאל האט ער פראבירט אליין עפעס אנצושרייבן זיינס א שיינע סקיצע איז אמאל געווען אפגעדרוקט אין אונדזער זשורנאַל.

פריינט יעקב טיילאָר האט אין א בריוועלע צו אונדז באמערק: „ער איז אלט געווען 68 יאָר. ער וועט אונדז פעלן... אט אזוי גייט אוועק אונדזער דור פון אמאליקן אידעאליסטן, וועלכע זיינען פארבליבן ערנס ביז צולעצט“.

דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן פון חבר ל. בעלקין, איינעם פון די געטרייעסטע און איבערגעבענסטע ליבהאבער פון דער קלאסישער און מאדערנער יידישער ליטעראטור. ווער האט נישט געקענט בעלקין דעם ליטוואק, וואָס האט מיט אזא חשק, ליבע און איבערגעבענקייט געדינט און געארבעט פרייוויליק אין דער ביבליאטעק פונם ארבעטער־רינג? ווער האט נישט געקענט בעלקין דעם פארלייענער און דעקלאמאטאר מיט זיין ליטווישער אויסשפראך פון דער „שין“? ווען עס איז אנגעקומען די ידיעה, אז ז. י. אנכי איז געשטארבן און אז מיר וועלן דעם נפטר ווידמען אַן'עקסטרא שבת, האט זיך בעלקין געבעטן, מיר זאלן אים לאזן פארלייענען דעם גאנצן „ר' אבא“. ער האט געלייענט עטלעכע קאפיטלעך, אבער נישט מער מיט דעם ברען פון אמאל. אויך ער איז געווען א הארעפאשנער מענטש, האט שווער געקעמפט פאר פרנסה, איז געווען א גוטער חבר, א געטרייער און ערלעכער צו זיינע פריינט, באלאדן מיט א שעלמישן שמייכל פאר די, וועלכע ער האט געהאט ליב. מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער געפארן נאך דרום אפריקע מיט פרייד און האפנונג, אבער די יארן פון שווערער ארבעט און א פארשטעקטע חולאת האבן צוריקגעלאזט זייערע שפורן. א מידער און קראנקער איז ער פון דארט צוריקגעקומען, און איצטער נישטא מער קיין בעלקין.

עס נעמט אונדז אן א טרויער, פארלוירן צוויי געטרייע חברים.

א. פל.



# א. י. ליסקי

## דער פאעט דוד פראם אין לאָנדאן

נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז נישט דער געוויינטלעכער טאן אנצוהויבן צו באשרייבן די באגעגעניש מיט א פאעט אין א גרויסן האטעל פון לאָנדאן, קען איך אבער נישט פארבייגייען אן א דערמאן צו טאן דעם איינדרוק פון אַ בליק איבער לאנדאנער דעכער פון מאונט ראיאל האטעל, מארבל־אדזש, דארט איז דער לעבעדיקסטער פונקט, דאס הארץ פון דער דאזיקער וועלט־שטאדט, מיט דעם הייד־פּאַרק, איר שטאלץ. ניין א זייגער אין אָוונט נעמט אן די דאָזיקע געגענט דעם אויסזען פון א ציכטיק פלאץ אין דער פארוואָרפנסטער פראווינץ און איבער די דעכער שיטן זיך שטערן, שטיל און מאיעסטעטיש אין זייער גאנצער פראכט אומגעשטערט, פאלן זיי איבער שטיין און שטאק, גאס און סקווער, צווישן בלאסלעך בלויע שאטנס, פון ליכטיקע לאמטערנס, וועלכע בלישטשן אין די טויזנטער איבער שטילער גאס, געסל, פלאץ, עק און ווינקל פון דער דאזיקער גרעסטער שטאדט, און פראמ'ס מיידעלע קוקט איבער די דעכער מיט אירע גרויסע, ברוינע אויגן ווי די שטערן; זי קוקט פונם זיבטן שטאק צו די שטערן און זי לאכט, איר געפעלט לאנדאן, זי זעט נישט דעם טומל פון א גרויסער שטאדט, זי זעט א שטערן, א סך שטערן און זייער אַ גרויסן הימל, נישט קליינער, ווי אין דער הימל אין דרום אפריקע, ווי אין יאהאניסבורג.

און דוד פראם, — אַ לאָנדאנער נישט ווייניקער, ווי אַ יאהאנעסבורגער, ווייל פראם האט ליב לאנדאן, ער האט ליב דעם לאנדאנער קלימאט, די טריבע שפעט־שיינענדיקע הארבסטן, אדער אינדישע זומערן, ווי מ'רופט זיי, ער האט אפילו ליב די לאנדאנער פאָגעס און די לאנדאנער באסיאקעס, אדער טרעמפּס, ער האט דאס אזוי קינסטלעריש געבראכט צום אויסדרוק אין זיינע פאעמעס, איבער לאנדאן, וואָס ער האט אנגעשריבן, זאגט, קוקנדיק איבער די דעכער, ווי זיין קליין טעכטערל אויף די שטערן, אז ער האט ניט געקענט מער פארבלייבן אין אפריקע נישט געקוקט, וואָס אין אפריקע האלט זיך אין איין אַנטוויקלען אַ יידיש קולטור לעבן; די יידישע קולטור־פעדעראציעס דארט פארמעסט זיך גאר גרויס, זי וויל אויסשפרייטן איר איינפלוס אויף דעם מער באוואוסטערן קרייז פון דעם יידישן עולם, אויף דעם פראגרעסיוון טייל פון דער יידישער באפעלקערונג. פאראן אויך א גאנצע ריי אנגעזעענע יידישע שרייבער, צווישן זיי ריטשארד פעלדמאן, וועלכער שרייבט גוטע דערציילונגען פונם דארטיקן לעבן און איז איינער פון די ערשטע איינגעזעסענע, וועלכער האט גאר גרויסע פארדינסטן פאר זיינע קולטור לייסטונגען. און זיגלבוים און שערמאן און נאך און נאך אנדערע, דערמאנט פראם. אבער דאך האט ער זיי פארלאזט, די גוטע פריינט זיינע, און ער איז געקומען, פראם קיין לאנדאן, דא צו באזעצן זיך מיט זיין פרוי און מיט זיין דריי יאריקן טעכטערל, וועלכער ס'געפעלט אזוי לאנדאן, און די גרויסע שטערן וואָס שיטן זיך איבער די הויכע לאנדאנער דעכער.

**און פראם אליין איז שוין גרוי, דאכט זיך ערשט נעכטן, האט ראוויטש**

אים אַנטדעקט אין יאהאנעסבורג און אים ארויסגעפירט פאר דער יידישער עפנטלעכקייט און צעוויסנגעטאן, אז אין דער ווייטער אפריקע געפינט זיך א טאלענטירטער יידישער דיכטער, און מיר ווען צוגעבן א יידישער דיכטער, מיט אַ גרויסער יידישער קולטור טראדיציע, און א טיף פּאָעטיש ליכט, וואָס שלעגלט זיך צווישן די שטילע טאלן פון אברהם רייזן און שלאגט אן אין פרעכטיקן האריזאנטן פון משה ליב האלפערן און פארלויפט זיך אויף אן איי־גענעם וועג, און באלעבט העל מיט אויפריכטיקן געפיל און קלארער וויזיע די דערשיינונגען פון נאטור און לעבן, ווי מיר טרעפן דאס אין זיינע לידער און פּאָעמען, סיי פון דער ליטע, סיי פון אפריקע.

זיינע צוויי גוטע ביכער „אפשר" און „דאָס לעצטע קאפיטל", איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פונם יידישן שרייבער פאריין אין לאנדאן, „אפשר", אַן עפּישע דיכטונג, מיט אַ רוף צוריק צו דער ערד. „דאָס לעצטע קאפיטל" אן עלעגישער אויסגוס איבער דעם אומקום פון זיין פאלק. אויך אַ סך לידער איבער ארימע קאפערס, „מאטאטומבאס", זייערע ווייבער און קינדער, האט פראם געדיכטעט, און געשריבן האט ער א סך לידער איבער די שטילע און טרויעריקע אפריקאנער ווייטקייטן און אירע שטום־ליידנדיקע איינגעבוירענע.

און איצט איז דוד פראם אנגעקומען קיין לאנדאן, און ער גייט זיך דא באזעצן צווישן זיינע גוטע פריינט, צווישן די יידישע שרייבער, וועלכע ער פארערט און וועלכע פארערן אים. און געקומען איז פראם מיט זיין משפחה צו פליען, און געפלויגן איז ער בלויז איין טאג און איין נאכט די אלע זעקס־טויזנט מייל, און ער איז פול מיט גוטע האפנונגען און מיט א סך גוטע ליטע־ראַרישע פלענער, זאגן מיר אים און זיין פרוי און קינד: ברוכים הבאים.

## דער פּאָעט שלום שטערן פון מאנטריאל

דאָ איז פארביי געפארן אויף א נסיעה קיין פוילן דער באקאנטער פּאָעט שלום שטערן, וועלכער איז באקאנט פון אייניקע ביכער דיכטונג ארויסגעגע־בען אין מאנטריאל און פון זיינע קריטישע עסייען פון דער „יידישער קולטור".

שלום שטערן איז אן אקטיווער קולטור טוער אין מאנטריאל, די־רעקטאר פון אַ פראגרעסיווער יידיש־וועטלעכער שול און א מיטארבעטער אין קאנא־דישער לינקע צייטונגען. ער האט זיך געטראפן דא מיט יידישע שרייבער אין הויז פון ליסקי און סידא ווו ער האט אנגעגעבן אַ גרוס פון דער געזעל־שאפטלעכקייט פונדי אמעריקאנישע שטאטן און פון יידישע שרייבער.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט א.1 — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 6־טן אויגוסט, ד״ר: טראדיציאנעלע״ שבת נחמו־פייערונג.
שבת, דעם 15־טן קבלת פנים פאר דוד פראם.
שבת, דעם 20־טן — אליהו פאלושאק — רעפעראט.
שבת, דעם 27־טן — עזרא סאסנאוויטש — רעפעראט.



## וואָלף ריפקין ע״ה

זונטיק דעם 17 יולי האבן מיר געבראכט צו זיין אייביקער רו, וואָלף ריפקין, וועלכער איז געשטארבן, אין לידזער אינפערמערי מיט 2 טעג פריער, ריפקין איז געווען דער סעקרעטאר פון דעם לידזער קולטור צענטער באלד פון זיין גרינדונג מיט פינף יאר צוריק. און ווי אלע יידישע ארבייטער אין יענער צייט, איז ער געקומען אונטער דעם איינפלוס פון דעם „בונד" און ביי זיין אריבערקומען נאך ענגלאנד מיט עטלעכע און פערציג יאר צוריק האט ער איינטייל גענומען אין דער סאצ. און ארבייטער באוועגונג אין דעם לאַנד. ער איז געווען זייער איין ערענסטער און ערלעכער מענש. מאנכעסמאל צו ערענסט, די לידזער חברים באדויערן דעם טויט פון חבר ריפקין, און שיקן זייער מיטגעפיל דער אלמנה, מיט זיינע 2 זין און 2 טעכטער. כבוד זיין אנ־דיינק. פארן לידזער קולטור צענטער.

י. טיילאָר

מיר דריקן אויס אונזער מיטלייד צום טויט פון אונזערע פריינט יאָזעף שערמאַן ל. בעלקין און וואָלף ריפקין — זאלן זייערע פרויען און קינדער געפינען טרייסט אינם גוטן אנדענק פון דער ארבעט פארן יידישן ווארט פון די חשובע נפטרים.

פריינט פון יידיש לשון

## אונזער טיפן מיטלייד

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו די פריינט, די שרייבער, חסיד, סידא און ליסקי, צום טויט פון זייער מוטער און שוויגער **בת שבע קאַ־סאָון**, די פרוי פון רבי יחיאל קאסאוו. זאל דער מאן און קינדער זיין געטרייסט אין איר גוטן נאָמען, וואָס זי האט איבערגעלאָזן.

די רעד. לשון און לעבן

מיין טיפסטן מיטלייד דריק איך אויס צו מ. נ. סידא צוליב דעם גרויסן פאר־לוסט פון איר טייער מוטער זאל זי געפינען טרייסט אין איר ווייטערדיקער וויכטיקער ליטערארישער ארבעט.

י. ה. לעווי

דעם באַקאַנטן רב פון ווייטשעפל הרב המפורסם **י. ה. צימערמאַן** און זיינע קינדער דריקן מיר אויס אונזער מיטלייד צום טויט פון זייער פרוי און מוטער, די רביצין, ע״ה.

זיי זאלן ניט מער וויסן פון קיין צער.

א. נ. שטענצל און נחום שטענצל און פרוי.

„אין חדר אריין“ 5/-

„אין זכות פון די טעג“ 3/6

פון

**משה עובד**

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

מרס׳ חנה סאלאמאן,

ערשטקלאַסיקע דערפארענע שייטעלמאכערין איז גרייט אָנצונעמען אלע סארטן ארבעט אין פאך, אויך אומענדערונגען און רעפעראטורן.

53, PYRLAND ROAD, HIGHBURY, N.5
Phone: CLIssold 0595

„די צייט“ געגרינדעט אין 1913 פון מאררים מייער
די איינציקע יידישע צייטונג אין ענגלאנד. (בשעת דער הלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)

*Editor* A. N. STENCL, 50, Philpot Street, London, E.1

***Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1***

115

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 9 (העפט 116) **צענטער יאָרגאַנג** סעפטעמבער 1949 לאנדאן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

1. אַ שטיקל יידישלעכן סך־הכל צום נייעם יאָר
2. אַ צדוק־הדין צום 10־טן יאָר פונם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אַ „פרייער־בוך“, מיין ווידוי, תפילת זכה, שעיר־לעזאזל, אַ תפילה — — — ..................** 1

ווי מען פייערט ראש־השנה ביי די פרומע יידן אין אַלט ירושלים און אין דער שטאָט פון די מקבלים צפת............אפרים טויבענהויז 5
אַ געראַטעוועטע נשמה (סקיצע)...........משה עובד 9
איך פרעג! (ליד)...........מאַקס הערשמאַן 11
„דאָס יידל“ (דערציילונג)...........י. ביעטש 11
צוויי לידער...........יוסף פאלק 17
טונקלע טעג (דערציילונג)...........א. מ. פוקס 18
שוואַלבן־טשוויטש וואַריאַציעס (לידער)...........א. נ. שטענצל 24
מען זוכט מיט געוואַלט אַ נייעם נביא (עסיי)...........לעאָ קעניג 28
פעריען באַטראַכטונגען (אָפרו — פראַנצויזן — דייטשן — געטע — „אַ זעקסטער וועלט טייל“...........דר. יעקב י. מייטליס 31
שלום אַש (צו זיין קורצן באַזוך דאָ אין לאָנדאָן)...........אליהו פאלושאק 40
אין דער נאַכט (ליד)...........ש. באָס 44
„אויפן צימבל“ (רעצענזיע)...........ש. דאָרפזאָן 45
צו די פייערונגען צום 200־טן געבוירן יאָר פון געטע...........ש. 46
טעאטער נאָטיץ ........... 49
„אימתה דציבורא“ (חזנישער פאָלקלאָר)...........יחזקאל נח ערליכמאַן 50
פופציק יאָר פועלי־ציון אין ענגלאַנד (אויפרוף)........... 50
רעדאַקציע נאָטיצן ........... 51
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס........... 52

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאָנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאר א יאָר
1/9 פאר א פראָבע נומער